# אידישע וועלט פארומס

קומט אריין פאר א גלעזעלע שנאפס און א גוט ווארט
שפרינג צום אינהאלט

זוך.... זוך
פארגעשריטענע זוכעניש

## קוויק בוקס שאלה

**די אחראים:** זייער נייגעריג, אחראי

די תקנות פונעם פארום
שרייב א תגובה

זוך אין די אשכול.... זוך

779 תגובות • בלאט **1** פון **32** • **1**, 2, 3, 4, 5 ... 32

### קוויקבוקס 09 (#p156837)

דורך **שוועמל** » פרייטאג ספטמבר 26, 2008 2:07 am

יעצט קומט ארויס א נייע ווערסיע קוויקבוקס אין אלע זייערע עדישאנס, פרא, פרימיער, און ענטערפרייס.

אויב עמיצער קען זאגן מיט וואס ס'וועט זיין בעסער פון די 06 זאל ביטע שרייבן.
חיים ברוך לאדיך הערן ...!

איין זאך וואס איך וויל וויסן איז, צי ביי קאסטומערס אינוואויסעס וועט מען קענען סארטירן לויט די קאסטומער PO נומבערס. למשל א קאסטומער וואס קויפט כסדר איין מיט PO נומערן ווען ער קאלט אריין טשעקן א סטעטוס אויף א ארדער ווייסט ער דאך בלויז זיין PO נומער, און איך ווייס בלויז מיין סעילס ארדער נומער. דארף זיין א וועג וואס מ'זאל קענען זען פונדרויסן די קאסטומער PO נומבער.

ס'יז באמת אזא סימפל קאנצעפט, איך קען נישט פארשטיין פארוואס די גרויסע אינטואיט האט דאס פארזען. אלע אנדערע האבן עס אלס א בילט אין אפשען, פיטש3 אדער נעטסוויט וכו'.

צוריק אויבן

## Advertisement

(/http://www.floridakoshervillas.com)

### (#p156984)

דורך **לחיים ולברכה** » שבת ספטמבר 27, 2008 8:33 pm

יא יא, פערצופאל האבן זיי מיך אנטוישט דאס מאל! כ'האב אויך געמיינט אז ס'איז סך הכל צוגעלייגט קאלירן און ווערטער... ס'איז א קנאק פון אן אפדעיט.

איבער די PO, ווייסעך נאכנישט, און כ'זעה נישט אז כ'זאל קענען געוואויר ווערן אין די נעקסטע פאר וואכן צוליב מיין ביזינעס (נישט 'ביזנעס', נאר מלשון 'ביזי', ודו"ק).

צוריק אויבן

### קוויק בוקס שאלה (#p165085)

דורך **געשמאקער** » מיטוואך נובמבר 12, 2008 5:00 pm

1) איך קויף עסן אין bulk און איך לייג עס אין קאנטעינער'ס און נאכדעם לייג איך אריין לאמיר זאגן 12

קאנטעינער'ס אין א באקס,
ווי אזוי פראגראם איך מיט Quick Books premier 2008 די
אייטעם
קאנטעינער
לעבעל
seal
באקס,

2) איך האב אייטעם'ס וואס מ'דארף באקן, און בשעת'ן באקן ווערט ווייניגער די וואג, אין די supplier invoice שטייט די פרייז לויט די וואג פון פארן באקן, ווי אזוי פראגראם איך די אייטעם'ס לויט נומער 1 שאלה

3)למשל אויב האב קאסט january איין פרייז און עטליכע חדשים שפעטער טוישט זיך די פרייז צו איך קען זען אויטעמאטיש א ליסט אין Quick Books פון אלע פרייזען אן דארפען זיכען אין פריערדיגע invoices ,

לעצט פאראכטן דורך [געשמאקער](memberlist.php?mode=viewprofile&u=724/.) אום דאנערשטאג נובמבר 13, 2008 5:51 am, איין מאל איז עס געווארן פאראכטן
צוריק אויבן

## (#p165087)

דורך **סתם_אזוי** » מיטוואך נובמבר 12, 2008 5:03 pm

איך מיין דאס דארף גיין צו אונזער ביזנעס אפטיילונג.

צוריק אויבן

## (#p165229)

דורך **thefact** » מיטוואך נובמבר 12, 2008 10:26 pm

געריקט צו ביזנעס

צוריק אויבן

## (#p165303)

דורך **שלעפער** » דאנערשטאג נובמבר 13, 2008 9:55 am

1) נישט פארשטאנען
2) אויך נישט
3) אויב דו גייסט צו די אייטעם און דו מאכט קוויק ריפארט, קומט ארויף א ריפארט פון דעם אייטעם.

צוריק אויבן

## (#p165334)

דורך **געשמאקער** » דאנערשטאג נובמבר 13, 2008 11:53 am

> ***שלעפער האט געשריבן:***
> 1) נישט פארשטאנען
> 2) אויך נישט
> 3) אויב דו גייסט צו די אייטעם און דו מאכט קוויק ריפארט, קומט ארויף א ריפארט פון דעם אייטעם.

וועל איך עס אביסל קלארער מסביר זיין:

איך קויף למשל 50 פונט רויע ניסלעך און איך ראוסט עס(ROAST) ווערט פארלוירן דורכן באקן צווישען 4-6 פונט , יעצט לייג איך עס אין קלענערע קאנטעינערס פון בערך 8 אונסעס, און נאכדעם לייג איך עס אריין אין באקסעס, יעצט וויל איך אז קוויק בוקס זאל מיך אויסרעכענען וויפיל איך צאל פאר א אייטעם דאס מיינט די:

קאנטעינער מיט די דעקעל (ווי איך לייג אריין די פראדוקט )
די לעבעל (וואס איך לייג ארויף אויף די קאנטעינער)
די סיעל(SHRINK BAND) וואס איך לייג אויף די קאנטעינער פאר פרישקייט/ protection
באקס (ווי איך לייג אריין 12 קאנטעינערס)

וואס דאס קען מען נאר מאכען מיט Quick Books premier

צוריק אויבן

## (p165566#)

דורך לחיים ולברכה » דאנערשטאג נובמבער 13, 2008 10:14 pm

געשמאקער, כ'האב נישט קיין צייט צו זיך ארײנלייגן דערין. אבער דיין שאלה האט מיך געקאסט א שמייכל דערמאנענדיג זיך אז דאס האט געדארפט דערמאנט ווערן אין מיין 'נעקסטע' אקאונטינג שיעור...

לענינינו; דו דארפסט אויפסעטן דיין קוויקבוקס זאל הענדלען אינווענטארי (אויב ס'איז נאכנישט, גיי צו עדיט/פרעפערענסעס/אייטעם ענד אינווענטארי/קאמפאני פרעפערענסעס און טשעק די ערשטע שורה). דערנאך גיי צו ווענדאר/אינווענטארי עקטיוויטיס/בילד אסעמבלי.

דארפסט דיך ארײנלייגן דערין, איך אליין האב דאס נאך קיינמאל נישט געמאכט. אבער שפיל דיך ארום דארט, און קוק אין העלפ. ס'איז ראטזאם צו עפענען א נייע קאמפאני פייל און זיך ארומשפילן דערמיט. די עיקר איז, אז אלע אייטעם זאלן ווערן אסעמבליס וואס ווערט דערנאך איין שטיק וואס פארקויפט זיך אויפ'ן גאס.

און בנוגע די וואג וואס ווערט געטוישט, מוזטו לכאורה אויפקומען מיט א אידישע עצה... אדער זאלסטו געבן אן אנדערע יוניט מעזשער (U/M), אדער זאלסטו אפיציעל מאכן א לאס... (שאדן) פון די פאר פונט וואס איז געגאנגען מיט'ן רויער, און דו וועסט נאך ארויסקומען מיט ריוח...

מער קען איך נישט טראכטן, אנטשולדיגט, און אסאך הצלחה.

צוריק אויבן

## (p165673#)

דורך געשמאקער » פרייטאג נובמבער 14, 2008 8:44 am

א גרויסן שכח

איך האב מיך שוין אנגעפאנגען אביסל ארימשפילן אין דעם ענין

איך וויל נאר וויסן ווי אזוי סעט איך עס אויף צי אינווענטארי?
איך בין נאך זייער ניי אין קוויק בוקס

צוריק אויבן

## (p166211#)

דורך געשמאקער » מאנטאג נובמבער 17, 2008 5:16 am

חיים ברוך

אזוי קיקט אויס די סקרין פון מיין קוויק בוקס

עטעטשמענטס
(quick books items & stok.doc (./download/file.php?id=7742
(161 KiB) געדאון לאודעד 171 מאל
צוריק אויבן

## (p166247#)

דורך **thefact** » מאנטאג נובמבר 17, 2008 10:55 am

יא חיים ברוך מירווארטן אויף דיינע גאלדענע שיעורים
העי איטס נעווער טו לעיט

צוריק אויבן

## (p166269#)

דורך געשמאקער » מאנטאג נובמבר 17, 2008 11:50 am

און דא איז די גאנצע Quick Books היים פעידש פין ענגלאנד

עטעטשמענטס
(Quick Books Home Page.doc (./download/file.php?id=7747
(175.5 KiB) געדאון לאודעד 93 מאל
צוריק אויבן

## (p166272#)

דורך **3x0** » מאנטאג נובמבר 17, 2008 12:00 pm

געשמאקער, קוק דיינע פריוואטע הודעות (http://www.yiddishworld.com/forum/index.php?
i=pm&folder=inbox&rb_v=ucp).

צוריק אויבן

## (p174129#)

דורך שלעפער » מאנטאג דצמבר 08, 2008 11:59 am

דו מעשה גייט אזוי, איינער האט מיר ארייגעשיקט א טשעק מיט פינעף און זיבעציג דאללער מער ווי ער האט געדארפט, האב איך אים צוריק געשיקט א ריפאונד טשעק, האט ער געארדערט דעי וואך נאך עפעס, שיק איך אים א אינוואיס שיקט ער מיר צוריק יענע ריפאונד טשעק מיט נאך א טשעק מיט דו איבריגע געלט.

יעצט איז מיין שאלה וואס איז דו "ריכטיגע" וועג צו טוהן און אזא פאל?

צוריק אויבן

## (p174136#)

דורך קבל את האמת » מאנטאג דצמבר 08, 2008 12:07 pm

וואס איז די שאלה

(אויב איז א ערל טעות גוי מתר)

מאך כאילו די האסט באקימען א פעמענט. און רעקארד דיפאסיט פון צווי טשעקס,דהיינו די ריפאנד און די רעשט, וייל און קוויק באקס איז דאך עס ארויס פון דיין באנק אקאנט

איין זאך יא,ווען די גייסט מעטשען דעם סטעטמענט געדענק אז די איבריגע געלד איז נישט ארויס און צוריק אריין,

צוריק אויבן

## (#p174140)

דורך קבל את האמת » מאנטאג דצמבר 08, 2008 12:11 pm

נעקסט טיים, אויב איז עס א קאנטיא קאסטמער,שיק נישט קיין ריפאנד נאר לייג א קרעדיט אויף די קאסטמער,און די נעקסטע ארדער וועט זיין א קלענרע בילל. געווענדליך באדערט עס נישט דעם קאסטעמער

צוריק אויבן

## (#p174150)

דורך שלעפער » מאנטאג דצמבר 08, 2008 12:27 pm

(איז עס דען אזוי זיכער)

דעי פינעף אין זיבעציג ריפאונד טשעק האט ער געמיינעסט פון זיין טשעק, סא קען איך עס נישט ענטערן אלס ריסיווד פעימאנט. ניין?

צוריק אויבן

## (#p174159)

דורך קבל את האמת » מאנטאג דצמבר 08, 2008 12:37 pm

איך פארשטיי נישט דעם פראבלעם,מאך קודם ריסיוו פעמענט אויף 75

שוין בלייבט איבער א חוב מאך נאך אמאל ריסיוו פעמענט אויף די איבריג וועס זיך עס אויס גראדען,

צוריק אויבן

## (#p174206)

דורך שלעפער » מאנטאג דצמבר 08, 2008 12:58 pm

איך בין נישט אזוי זיכער מיט דעים וואס דו זאגסט

צוריק אויבן

## (#p174505)

דורך לחיים ולברכה » מאנטאג דצמבר 08, 2008 7:24 pm

שלעפער; קודם וועל איך דיר שרייבן די ריכטיגע וועג, עכ"פ וויאזוי די גרויסע קאמפאניס טוען, און דערנאך וועל איך שרייבן וואס דו זאלסט טוהן. איז אזוי:

די אמת'ע וועג איז צו האבן אן עקסטערע 'ריפאנד אקאונט' וואס איז געמאכט נאר צו שיקן ריפאנדס. און ווען א קאסטומער שיקט צוריק די ריפאנד טשעק אלץ פעימענט איז דאס נישט אקסעפטעד... מ'שיקט צוריק די פעימענט....

צום פוינט: מעק אויס די ריפאנד טשעק פון קוויקבוקס, און קרעדיט די באלאנס צום קאסטומער. און עפליי די קרעדיט צום נייעם אינוואויס. דערנאך רעקארד די פעימענט פונעם צווייטן טשעק פאר די רעשט פונעם אינוואויס.

אויב פארשטייסטו נישט פרעג איבער. הצלחה רבה.

צוריק אויבן

**(#p174542)**

דורך **שלעפער** » מאנטאג דצמבר 08, 2008 8:17 pm

יאופ כהאב פארשטאנען, און סאיז שוין געטוהן געווארן.
שכוח פאר לחיים ולברכה און שכוח פאר קבל את האמת.

צוריק אויבן

**(#p187660)**

דורך **שוועמל** » דאנערשטאג ינואר 15, 2009 11:45 am

א קוויקבוקס שאלה;

ביי PORCHASE ORDERS איז דא אונטן א אפציע צו קלאוזן דעם PO , למשל ווען מיין קאסטומער קענסעלט די ארדער קלאוז איך די PO וואס כ'אב געשיקט צום ווענדאר.

איין מאל ס'יז קלאוזד קומט עס מער נישט ארויף אין די ווענדאר'ס ליסט פון PO'S.

איז דא וועג צו קענען זען די PO וואס איז קלאוזד?

צוריק אויבן

**(#p187698)**

דורך **שטרויזאק** » דאנערשטאג ינואר 15, 2009 1:07 pm

לכאורה דארפסטו עס יא זען, חוץ אז דו האסט עפעס א פילטער open purchase orders וכדומה

עטעטשמענטס
po.jpg (11.71 KiB) געזעהן געווארן 2595 מאל
צוריק אויבן

**(#p191831)**

דורך **שוועמל** » פרייטאג ינואר 30, 2009 9:59 am

איך האב א ווענדאר וואס איז אויך א קאסטומער.
צומאל קויפט ער און איך נוץ די באלאנס אלס קרעדיט כדומה.
די גרינגסטע וואלט געווען ווען איך קען מערזשן זייביידע.
קוויקבוקס לאזט נישט נוצן דעם זעלבן נאמען צוויי מאל, סא מוז איך מאכן עפעס א טויש אין די נאמען פונעם קאסטומער, אבער איך וויל זיי מערזשן אז ווען ס'יז דא א ביל פון דעם ווענדאר זאל ער פארשטיין אז ס'זאל אויטאמאטיש ווערן א קרעדיט פארן קאסטומער.

איז דא וועג וויאזוי צו מערזשן דעם ווענדאר מיט דעם קאסטומער?

צוריק אויבן

**(#p191835)**

דורך **שמן זית** » פרייטאג ינואר 30, 2009 10:13 am

edit די קאסטאמער נאמען פאר די זעלבע ווי ווי די ווענדאר וועט AUTOMATIC ארויפקומען אז QUICK BOOKS האט שוין די נאמען און ער וועט דיר פרעיגן YOU WANNA MERGE THEM
מאך YES און ווען ער פארקויפט דיר מאך א ביל און ווען ער קויפט מאך א קרעדיט (ביי יעדע ביל האסטו די OPTION צו מאכן א קרעדיט)
און עס וועט AUTOMATIC אראפגיין פון די באלאנס

צוריק אויבן
קומענדיגע ווייז אלע הודעות פון : אלע תגובות ▼ שטעל אויס לויט גענשריבן געווארן ▼ פון אונטן ארויף ▼ גיי
שרייב א תגובה
779 תגובות • בלאט **1** פון **32** • **1**, 2, 3, 4, 5 ... 32
צוריק צו ביזנעס
גיי צו : ביזנעס ▼ גיי

## ווער איז אריינגעסיינט

באנוצערס וואס זענען איצט אין די פארום: Zik און 2 געסט

Switch to mobile style

page: 2

# קוויק בוקס שאלה

**די אחראים:** זייער נייגעריג, אחראי

די תקנות פונעם פארום

שרייב א תגובה
זוך אין די אשכול.... זוך
779 תגובות • בלאט **2** פון **32** • 1, **2**, 3, 4, 5 ... 32

## (#p191855)

דורך **שוועמל** » פרייטאג ינואר 30, 2009 10:55 am

דאס איז דאך די פראבלעם, קוויקבוקס גיבט מיר נישט די אפציע צו מערזשן א קאסטומער מיט א ווענדאר.
The name is already in use in the vendor list, append a letter or number bla bla....

איך קען מערזשן צווישן קאסטומערס און קאסטומערס אדער צווישן ווענדארס און ווענדארס, אבער נישט צווישן קאסט. און ווענדארס.

צוריק אויבן

## Advertisement

(http://www.floridakoshervillas.com/)

## (#p194942)

דורך **AbiYiddish** » מאנטאג פבואר 09, 2009 10:31 am

Option 1: Barter Account (http://community.intuit.com/post/detail/cyY5fuPQmr3B47acfARklS)

Option 1: Clearing Account (http://community.intuit.com/post/detail/aVfQp-Im4r3y01acfAtdLo)

צוריק אויבן

## (#p195277)

דורך **שטרויזאק** » מאנטאג פבואר 09, 2009 9:46 pm

שלום עליכם ר' אבי

דיין אפשען #1 איז לכאורה די בעסטע וועג צו האלטן טרעק אויף אזעלכע טראנזאקציעס,
אבער עס העלפט נישט ר' שוועמל וואס וויל אז ק"ב זאל אליין פארשטיין אז דער קאסטומער מיטן ווענדאר זענען היינו הך, און זי זאל אויטאמאטיש קרעדיטן אקאונטס רעסיוועבל און דעביטן אקאונטס פעיעבל אויפאמאל.

לויט ווי איך ווייס איז נישטא אזא זאך די בעסטע איז די בארטער אקאונט.

דיין אפשען #2 פארשטיי איך נישט אחוץ אויב עס איז די זעלבע ווי אפשען #1 בשינוי שם.

צוריק אויבן

## (#p195382)

דורך שוועמל » דינסטאג פבואר 10, 2009 1:33 am

בארטער (אויסטויש) אקאונט איז לכאורה די אויסגעהאלטענסטע וועג.

איך פארשטיי אויך נישט די צווייטע וועג, וואס איז קלערינג אקאונט אנדערש?

למעשה וואס איך האב געטון דערווייל איז, דער קאסטומער איז מיר שולדיג 1000 דאלער, און איך בין אים שולדיג 500 דאלער, האב איך פשוט געמאכט 'רעסיוו פעימענטס' פארן קאסטומער פון $500 (געשריבן אין מעמא ס'יז אראפ פון זיין ווענדאר ביל).
נאכער בין איך געגאנגען צו זיין ווענדאר אקאונט און געמאכט 'פעי בילס' פון $500 , קומט אויס איז עס אריין אין AR און ארויס צוריק פון AP, די באנק איז געבליבן די זעלבע.

איז עפעס שלעכט דערמיט?

צוריק אויבן

## (#p195409)

דורך AbiYiddish » דינסטאג פבואר 10, 2009 9:46 am

שלום עליכם שטרויזאק,

> *שטרויזאק האט געשריבן:*
> ...לויט ווי איך ווייס איז נישטא אזא זאך...

That’s correct.

> *שוועמל האט געשריבן:*
> ...האב איך פשוט געמאכט 'רעסיוו פעימענטס'...
> ...און געמאכט 'פעי בילס'...

Do these transactions post to your ‘real’ bank account? If so, that’s what these two other options are
here to eliminate.

> *שטרויזאק האט געשריבן:*
> ...דיין אפשען #2 פארשטיי איך נישט...

The Clearing Account is for those who don’t like having a false bank account, it’s either an

Asset account or a Liability account, (depends who usually owes whom more,) and the transactions would be made by General Journal Entries (for those who know Journal Entries well).

The simplest way would be to do a swap between A/R and A/P with a General Journal Entry, but QB doesn't allow two of the A/R and A/P accounts in one Journal Entry.

צוריק אויבן

## (p197744#)

דורך **סאכדעס** » זונטאג פבואר 15, 2009 7:56 pm

כ'פארשטייי נישט די דעפינישן פון 'בארטער' און פון 'קליער' אקאונטס, איך האב נישט געלערנט קוויק בוקס מיט א ביכל, איך קען עס נאר פון עס נוצן אסאך, און צולייגן קאפ.

ווען איך האב א ווענדאר וואס איז אויך א קאסטומער, טו איך כדלהלן: איך האב געמאכט א באנק אקאונט וואס עקזיסטירט נישט, ווען איך מאך אן אינוואויס, מאך איך א רעסיווד פעימענט, איך דעפאזעט עס אינעם פאלשן אקאונט. דאן שרייב איך אויס א טשעק צום ווענדאר, פון יענע אקאונט, והכל על מקומו יבוא בשלום.
איז דאס נישט קיין אויסגעהאלטענע וועג?
איז דאס איינע פון די אויבנדערמאנטע עצות?

צוריק אויבן

## (p197862#)

דורך **שטרויזאק** » מאנטאג פבואר 16, 2009 1:53 am

> ***סאכדעס האט געשריבן:***
> כ'פארשטייי נישט די דעפינישן פון 'בארטער' און פון 'קליער' אקאונטס, איך האב נישט געלערנט קוויק בוקס מיט א ביכל, איך קען עס נאר פון עס נוצן אסאך, און צולייגן קאפ.
>
> ווען איך האב א ווענדאר וואס איז אויך א קאסטומער, טו איך כדלהלן: איך האב געמאכט א באנק אקאונט וואס עקזיסטירט נישט, ווען איך מאך אן אינוואויס, מאך איך א רעסיווד פעימענט, איך דעפאזעט עס אינעם פאלשן אקאונט. דאן שרייב איך אויס א טשעק צום ווענדאר, פון יענע אקאונט, והכל על מקומו יבוא בשלום.
> איז דאס נישט קיין אויסגעהאלטענע וועג?
> איז דאס איינע פון די אויבנדערמאנטע עצות?

דאס איז טאקע די "בארטער אקאונט" וואס דער פסוק זאגט.

צוריק אויבן

## (p200444#)

דורך **סאכדעס** » זונטאג פבואר 22, 2009 4:58 pm

יישר כוח שטרוי זאק, און וואס איז דער קליער אקאונט?

צוריק אויבן

(p200483#)
דורך שטרויזאק » זונטאג פבואר 22, 2009 5:36 pm

די קליערינג אקאונט איז די זעלבע איידיע, נאר אנשטאדט א "באנק" אקאונט איז עס א רעסיוועבל (אויב יענער קומט דיר מער ווי דו אים) אדער א פעיעבל אקאונט (אויב דו קומסט אים מער), און מען ארבעט מיט דזשורנאל ענטריס (מובן למבינים וידוע ליודעים).
(קרעדיט: אבי)

צוריק אויבן

(p200523#)
דורך שוועמל » זונטאג פבואר 22, 2009 7:02 pm

זשורנעל ענטריס האב איך נאכנישט געכאפט וואס דאס איז.
איך זע ס'יז דא צוויי סארט;
Journal entry
General journal entry

צוריק אויבן

(p200796#)
דורך AbiYiddish » מאנטאג פבואר 23, 2009 2:46 pm

שוועמל,

יעדע טרענזעקשן אין אקאונטינג\בוקקיפינג ווערט גערופן א 'דזשורנעל ענטרי' (טראכט פון א געשריבענע חשבון בוך), דאס מיינט צו זאגן א טרעזעקשן ליין אין דיינע בוקס. (מיט די דאָבעל ענטרי סיסטעם איז עס מינימום צוויי ליינס אין די בוקס).

ווען קוויקבוקס רעדט פון דזשורנעל ענטריס מיינט עס געווענליך דזשענעראל דזשורנעל ענטריס.

פאר געווענליכע טרעזעקשנס האט קוויקבוקס ספעציעלע דיאלאג באקסעס פאר יעדע מין טרעזעקשן באזונדער, צום ביישפיל: טשעק, דיפזיט, ביל, אינוואויס, א.א.וו.. ביי יעדע טרעזעקשן געשעט ביהיינד די סיען א דזשורנעל ענטרי פון צוויי ליינס (הנקרא: דעביט & קרעדיט).

ס'איז אבער דא אמאל וואס מ'דארף מאכן א טרעזעקשן וואס פיט נישט אריין אין קיין איינע פון די געווענליכע טרעזעקשנס, צום ביישפיל: אן עקספענס וואס איז געווארן באצאלט אן רירן דיין באנק אקואנט, ווען דיין אקאונטענט פאררעכט טרעזעקשנס סוף יאר, א.ד.ג., דאן קומט צוניץ די דזשענעראל דזשורנעל ענטרי, דאס איז: מענועלי ענטערן די צוויי ליינס (דעביט & קרעדיט), דערנאך שרייבט מען צו א מעמאו וואס די טרעזעקשן באדייט.

מיט א דזשענעראל דזשורנעל ענטרי קען מען אבער אפ'הרג'ענען אויך, סאו דארף מען וויסן פונקטליך וואס מ'טוט פאר'ן מאכן דזשענעראל דזשורנעל ענטריס.

צוריק אויבן

(p201935#)
דורך סאכדעס » מיטוואך פבואר 25, 2009 11:54 pm

גראדע בינעך אביסל באקאנט אין די דשורענעלס, אבער זיי מיר אביסל מער מסביר בפרטיות וויאזוי איך מאך עס אין אזא פאל.
ביי מיר איז דער פאל, אז איך קום מער פאר איהם, איז וואס זאל איך טוהן?

צוריק אויבן

## (#p202050)

דורך **AbiYiddish** » דאנערשטאג פבואר 26, 2009 1:21 pm

סאכדעס,

פאר מיר קוקט גראדע אויס די בארטער אקאונט אינטערעסאנטער ווי די קליערינג אקאונט פון וואס מ'רעדט,
אבער סייווי איז עס גוט צו וויסן.

קודם כל, דאס וואס שטרויזאק האט געשריבן אז די רעדע איז פון א פעיעבל (אדער רעסיוועבל) אקאונט איז נישט ריכטיג, ווייל מ'דארף דאך רוקן פון רעסיוועבל צו פעיעבל און פארקערט, אבער קוויקבוקס לאזט דאס נישט טאן אזוויי איך האב געשריבן אויבן אז מ'קען נישט לייגן צווי פון די פעיעבל און רעסיוועבל אקאונטס אין איין דזשורנעל ענטרי. נאר מ'רעדט פון אן עסעט אדער לייעבילִיטי אקאונט, און דאס האט אויך די מעלה אז מ'קען עס ארומטוישן צווישן די צווי טייפס ווען מ'ברויך.

(איך כאפ מיך יעצט אז ס'נישט קיין חילוק צווישן עסעט אדער לייעבילִיטי אקאונטס, ווייל מ'ריקארדט דאך נאר די בעלענסעס וואס גייט ווערן אויסגעגליכן מיט די קעגן בעלענס.)

איז אזוי.
למשל דו האסט געקויפט ביי XYZ פאר $300, און XYZ האט גענוצט דיין סערוויס פאר $180.
מאכסטו אן עסעט אקאונט מיטן נאמען C/V Clearing Account און דו מאכסט צווי דזשענעראל דזשורנעל ענטריס. איינס אזוי:

| Account | Debit | Credit | Memo | Name |
|---|---|---|---|---|
| C/V Clearing Account | 180.00 | | | XYZ (C) |
| Accounts Receivable | | 180.00 | | XYZ (C) |

1.bmp (83.2 KiB) געזעהן געווארן 877 מאל

און איינס אזוי:

| Account | Debit | Credit | Memo | Name |
|---|---|---|---|---|
| Accounts Payable | 180.00 | | | XYZ (V) |
| C/V Clearing Account | | 180.00 | | XYZ (V) |

2.bmp (84.88 KiB) געזעהן געווארן 877 מאל

דערנאך דארפסטו מאכן רעסיווד פעימענט און פעי בילס צו עפלייען די אפענע קרעדיטס און לאזן די איבעריגע עמאונט אלס אפען בעלענס.

נ.ב. יעצט נאכן פרובירן אליינס זע איך אז מיט די אפשען איז דא א פראבלעם אז די קאסטומער קוויק ריפארט ווייזט נישט ריכטיג (די בעלענס דיטעיל איז יא גוט).

צוריק אויבן

## (#p202471)

דורך **ontrack** » פרייטאג פבואר 27, 2009 12:23 pm

the easiest way is do it is the clearing account should be a bank account and you do a receive payment to the clearing account and to pay the bill from the clearing account so your reports will look perfect cause its recorded as a regular payment and as a regular check.

צוריק אויבן

## (#p202476)

דורך **AbiYiddish** » פרייטאג פבואר 27, 2009 12:28 pm

גערעכט, אזוי ווי כ'האב געשריבן אויבן.

צוריק אויבן

## (#p202511)

דורך **שטרויזאק** » פרייטאג פבואר 27, 2009 1:19 pm

> ***AbiYiddish האט געשריבן:***
> קודם כל, דאס וואס שטרויזאק האט געשריבן אז די רעדע איז פון א פעיעבל (אדער רעסיוועבל) אקאונט איז נישט ריכטיג,

גערעכט, דאס האבעך געמיינט. כ'אב מיך שלעכט אויסגעדריקט.

צוריק אויבן

## (#p207621)

דורך **שוועמל** » מיטוואך מרץ 18, 2009 9:54 am

שאלה ביי דיסקאונטס.

יעדע קאסטומער האט ליב צו פארלאנגען א דיסקאונט, איך גיב דאס גערן געוואנדן אינעם סייז פונעם ארדער.
וואספארא סארט אקאונט זאל דאס זיין?
איך האב געמאכט אן אייטעם DISCOUNT10 וואס גיבט אראפ צען פראצענט פון די ארדער, די אקאונט דערפאר איז DISCOUNT GIVEN אונטער סעילס [אינקאם]. איי ס'יז דאך נישט קיין אינקאם? אמת, ס'יז אבער א נעגעטיוו שטענדיג וואס מיינט אז די סעילס איז למעשה געווען ווייניגער.

זאגטס מיר צי דאס איז דער וועג.

נאך א שאלה,
ווען איך עדד דעם אייטעם פון DISCOUNT10 רעכענט זיך אויטאמאטיש אראפ 10% אבער נאר פון די לעצטע אייטעם.
וויאזוי שטעל איך אן אז פונעם גאנצן ארדער זאל אראפגיין די 10% ?

דאנקע

צוריק אויבן

## (#p207634)

דורך **שטרויזאק** » מיטוואך מרץ 18, 2009 10:16 am

> שאלה ביי דיסקאונטס.
>
> יעדע קאסטומער האט ליב צו פארלאנגען א דיסקאונט, איך גיב דאס גערן געוואנדן אינעם סייז פונעם ארדער.
> וואספארא סארט אקאונט זאל דאס זיין?

> איך האב געמאכט אן אייטעם DISCOUNT10 וואס גיבט אראפ צען פראצענט פון די ארדער, די אקאונט דערפאר איז DISCOUNT GIVEN אונטער סעילס [אינקאם]. איי ס'יז דאך נישט קיין אינקאם? אמת, ס'יז אבער א נעגעטיוו שטענדיג וואס מיינט אז די סעילס איז למעשה געווען ווייניגער.
>
> זאגטס מיר צי דאס איז דער וועג.

יא, דאס איז א ריכטיגע וועג.
אזוי ווי דו זאגסט אז עס איז שטענדיג א נעגאטיוו אינקאם. דו קענסט עס אויך מאכן פאר אן עקספענס, אבערביידע זענען ריכטיג.

> נאך א שאלה,
> ווען איך עדד דעם אייטעם פון DISCOUNT10 רעכענט זיך אויטאמאטיש אראפ 10% אבער נאר פון די לעצטע אייטעם.
> וויאזוי שטעל איך אן אז פונעם גאנצן ארדער זאל אראפגיין די 10% ?

דו דארפסט מאכן אן אייטעם "סאבטאטעל". עדד די אייטעם אויף די אינוואויס וואס דאס רעכנט צאם אלע אויבערשטע אייטעמס. און נאכדעם עדד די דיסקאונט, וועט די דיסקאונט זיין אויף די גאנצע סאבטאטעל.

> דאנקע

מיי פלעזשער

צוריק אויבן

## (p207896#)

דורך **שוועמל** » מיטוואך מרץ 18, 2009 10:18 pm

> ***שטרויזאק האט געשריבן:***
>
> > > דאנקע
> >
> > מיי פלעזשער

עפריטשיעיט יור אדווייס, עני טיים יור פלעטשור.

צוריק אויבן

## (#p213543)

דורך **שוועמל** » פרייטאג אפריל 03, 2009 3:50 am

ווען א ווענדאר קאלט אריין פרעגן צי דער בילל איז שוין באצאלט, איך גיי צום ווענדאר, בילס, איך קוק אויף דעם ביל נומער און איך זע יא, ס'יז פעיד.

דא הייבט זיך עס אן.
ווען האסטו עס געצאלט, געמיר די טשעק נומער וכו', קושיות וואס א ווענדאר גלייכט צו שטעלן זיך דערויף..

וויאזוי ברענג איך ארויף די טשעק אנע זוכענישן ביי 'ביל פעימענטס'? און רוב מאל איז דער טשעק געגאנגען פאר עטליכע בילס אינאיינעם און די עמאונטס שטימען אויך נישט, מאכט נאר לענגער זוכן.

אונטן פונעם ביל איז דא א גוטער זאך ווי Show PO וואס עפענט גלייך דעם פארטשעס ארדער צו דעם ביל, אבער וויזוי ברענג איך פלינק ארויף דעם טשעק?

צוריק אויבן

## (#p213545)

דורך **הערשי קניהויז** » פרייטאג אפריל 03, 2009 6:33 am

רייט קליק אויפן בילל, וועסטו דארט האבן א אפציע פון טרענזעקשאן היסטארי, קליק דערויף וועט ארויפקומען דעם טשעק.

צוריק אויבן

## (#p213627)

דורך **ontrack** » פרייטאג אפריל 03, 2009 11:02 am

or press ctrl + H

צוריק אויבן

## (#p213686)

דורך **יז בתמוז** » פרייטאג אפריל 03, 2009 12:10 pm

איך האב נעכטן אינסטאלד קוויקבוקס 09, און איך וויל שיקן אן אינוואויס, פרובירט זיך צו קאנעקטן צו מיין אוטלוק. באט איך זעה נישט קיין סענד קנעפל. נאט אייך א בילד וואס איך זעה.

עטעטשמענטס
(download/file.php?id=11179&mode=view/.)
צוריק אויבן

## (#p213693)

דורך **שטרויזאק** » פרייטאג אפריל 03, 2009 1:08 pm

איז דיין אוטלוק אויפגעסעט?

צוריק אויבן

## (#p213694)

דורך **יז בתמוז** » פרייטאג אפריל 03, 2009 1:16 pm

זיכער אזוי

צוריק אויבן

פאריגעקומענדיגע ווייז אלע הודעות פון : אלע תגובות ▼ שטעל אויס לויט געשריבן געווארן ▼ פון אונטן ארויף ▼ גיי

שרייב א תגובה

779 תגובות • בלאט **2** פון **32** • 1, **2**, 3, 4, 5 ... 32

צוריק צו ביזנעס

גיי צו : ביזנעס ▼ גיי

## ווער איז אריינגעסיינט

באנוצערס וואס זענען איצט אין די פארום: Zik און 2 געסט

Switch to mobile style

---

page: 3

# קוויק בוקס שאלה

**די אחראים:** זייער נייגעריג, אחראי

די תקנות פונעם פארום

שרייב א תגובה

זוך אין די אשכול.... זוך

779 תגובות • בלאט **3** פון **32** • 1, 2, **3**, 4, 5, 6 ... 32

## (#p213708)

דורך **שטרויזאק** » פרייטאג אפריל 03, 2009 2:28 pm

<view
<toolbars
<costumize
גיי צו standard אויף די לינקע זייט, אויף די רעכטע זייט וועסטו זען די send command, כאפ עס אן און דרעג עס אריין צו די toolbar.

צוריק אויבן

## Advertisement

## (#p213829)

דורך **יז בתמוז** » זונטאג אפריל 05, 2009 11:44 am

איך זעה נישט קיין send command באטעטן.

צוריק אויבן

## (#p213835)

דורך **שטרויזאק** » זונטאג אפריל 05, 2009 11:59 am

וויאזוי זעט עס אויס ווען דו שיקסט אן אימעיל גראד פון אוטלוק?

צוריק אויבן

## (#p213839)

דורך **שמיי_דריי** » זונטאג אפריל 05, 2009 12:03 pm

שטריזאק אז דו ביסט שוין יא דא און כ'זעה אז דו קענסט זוי גוט קוויקבוקס לאמיר דיר נאר געבן א פרעג צווי

קליינע שאלות

1. ס'איז שייך צו שיקן פאר א קאסטומער (טאמער האט ער אפאר אומבאצאלטע אינוואויסעס) אפאר אינוואיסעס אויף איינמאל גלייך פון קוויקבוקס ארויס?

2. ווען איך רעקארד דעפאסיטס אין באנק און לדוגמא איינער האט באצאלט 200 דאללער און איך האב נאר דעפאסיט 150 איז נישט דא אזא אפציע ביי רעקארד דעפאסיטס צו דעפאזיטן נאר 150 און נישט די גאנצע 200?

צוריק אויבן

## (#p213840)

דורך **יז בתמוז** » זונטאג אפריל 05, 2009 12:05 pm

> ***שטרויזאק האט געשריבן:***
> וויאזוי זעט עס אויס ווען דו שיקסט אן אימעיל גראד פון אוטלוק?

וויאזוי זעהט אויס וואס?

צוריק אויבן

## (#p213847)

דורך **שטרויזאק** » זונטאג אפריל 05, 2009 12:19 pm

די סקרין, דארט האסטו יא א סענד באטאן?

צוריק אויבן

## (#p213848)

דורך **יז בתמוז** » זונטאג אפריל 05, 2009 12:22 pm

איך האב דאך געהעריג דעם סענד ענד רעסיוו באטן.

צוריק אויבן

## (#p213851)

דורך **שטרויזאק** » זונטאג אפריל 05, 2009 12:42 pm

> ***שמיי_דריי האט געשריבן:***
> 1. ס'איז שייך צו שיקן פאר א קאסטומער (טאמער האט ער אפאר אומבאצאלטע אינוואויסעס) אפאר אינוואיסעס אויף איינמאל גלייך פון קוויקבוקס ארויס?

ניין, פאר דעם דארפסטו נוצן אוטלוק.

> ***שמיי_דריי האט געשריבן:***
> 2. ווען איך רעקארד דעפאסיטס אין באנק און לדוגמא איינער האט באצאלט 200 דאללער און איך האב נאר דעפאסיט 150 איז נישט דא אזא אפציע ביי רעקארד דעפאסיטס צו דעפאזיטן נאר 150 און נישט די גאנצע 200?

דו דארפסט מאכן א **קעש בעק**.
אדער מאכן צוויי פעימענטס.

צוריק אויבן

## (#p213867)

דורך שמיי_דריי » זונטאג אפריל 05, 2009 1:04 pm

> *שטרויזאק האט געשריבן:*
>
> > *שמיי_דריי האט געשריבן:*
> > 1. ס'איז שייך צו שיקן פאר א קאסטומער (טאמער האט ער אפאר אומבאצאלטע אינוואויסעס) אפאר אינוואויסעס אויף איינמאל גלייך פון קוויקבוקס ארויס?
>
> ניין, פאר דעם דארפסטו נוצן אוטלוק.
>
> עס מיינט צו זאגן אז איך ברויך עס קודם סעיווען צו מיין קאמפיוטער און אזוי שיקן? (דאס טוה איך דאך איצט און פאר דעם ברויך איך א עצה...)
>
> > *שמיי_דריי האט געשריבן:*
> > 2. ווען איך רעקארד דעפאסיטס אין באנק און לדוגמא איינער האט באצאלט 200 דאללער און איך האב נאר דעפאסיט 150 איז נישט דא אזא אפציע ביי רעקארד דעפאסיטס צו דעפאזיטן נאר 150 און נישט די גאנצע 200?
>
> דו דארפסט מאכן א **קעש בעק**.
> אדער מאכן צוויי פעימענטס.

מאכן צוויי פעימענטס האב איך געטוהן ביז איצט
וואס מיינט אבער א **קעש בעק?**

צוריק אויבן

## (#p214027)

דורך שטרויזאק » זונטאג אפריל 05, 2009 7:33 pm

דו באקומסט א פעימענט פון $500.
דו ווילסט דעפאזיטן נאר $300. ווען דו מאכסט די דעפאזיט פון די $500 פעימענט, לייג אריין אונטן אז $200 גייט צוריק צו דיין קעש אקאונט.

עטעטשמענטס
(./download/file.php?id=11187&mode=view)
צוריק אויבן

## (#p214041)

דורך שמיי_דריי » זונטאג אפריל 05, 2009 8:00 pm

אהא און נאכדעם דעפאזיט איך עס פון מיין קעש אקאונט צו מיין באנק אקקאונט?

צוריק אויבן

## (p214059#)

דורך **שטרויזאק** » זונטאג אפריל 05, 2009 9:21 pm

> ***שמיי_דריי האט געשריבן:***
> 2. ווען איך רעקארד דעפאסיטס אין באנק און לדוגמא איינער האט באצאלט 200 דאללער און איך האב נאר דעפאסיט 150 איז נישט דא אזא אפציע ביי רעקארד דעפאסיטס צו דעפאזיטן נאר 150 און נישט די גאנצע 200?

ניין, דו לייגסט אריין אין די קעש בעק אמאונט די $50 וואס דו ווילסט **נישט** דעפאזיטן און לאז עס אין קעש. עס וועט אויטאמאטיש אראפגערעכנט ווערן פון די פעימענט און די דעפאזיט וועט נאר זיין פאר $150.

צוריק אויבן

## (p214180#)

דורך **שוועמל** » מאנטאג אפריל 06, 2009 11:26 am

שכויח הערשי און אנטרעק.

אנאנדער שאלה.
ווען דער קאסטומער פלעיסד אן ארדער און איך מאך אים אן אינוואויס, מאך איך באלד דערויף א PO צו מיין ווענדאר זאל שיקן די סחורה צו מיר אדער דעם קאסטומער. און איך ברויך ווידעראמאל אריינשטעלן אלע אייטעמס פונעם אינוואויס.
איז דא א וועג איך זאל מיט איין קליק קענען קריעטן א PO פאר דעם אינוואויס? אנע ברויכן ווידעראמאל אריינשטעלן אלע צענדליגער אייטעמס ?

(פונקט ווי עס ווערט א אינוואויס פון א סעילס-ארדער, אדער א ביל פון א PO וכדומה וואס אלע אייטעמס קאפיען זיך אריבער)

צוריק אויבן

## (p214252#)

דורך **שטרויזאק** » מאנטאג אפריל 06, 2009 1:42 pm

> ***שוועמל האט געשריבן:***
> איז דא א וועג איך זאל מיט איין קליק קענען קריעטן א PO פאר דעם אינוואויס? אנע ברויכן ווידעראמאל אריינשטעלן אלע צענדליגער אייטעמס ?

.you can create a p.o. from a **sales order**, but only in Enterprise solutions
theoretically, you dont create an invoice before you order the merchandise, only when you) actually get the items to the customer. so you dont create a p.o. from an invoice only from a (.sales order

צוריק אויבן

## (#p214354)

דורך **שוועמל** » מאנטאג אפריל 06, 2009 4:15 pm

העפענס טו בי איך נוץ טאקע ענטערפרייס 06 עדישאן.

ביסט גערעכט מיט דיין פאוינט איבער די PO פון א SO.

יעצט ביטע זאג מיר וויאזוי

צוריק אויבן

## (#p214377)

דורך **שמיי_דריי** » מאנטאג אפריל 06, 2009 4:29 pm

שטרויזאק ווען דו וועסט ענטפערן אויף שוועמל'ס שאלה גיב שוין אויך א ענטפער מיין שאלה

ווען איך גיי צו א פעיד איוואויס עס צו שיקן אויף אימעיל קומט ארויף די זעלבע נוסח ווי ביי א אומבאצאלטע אינוואויס
איז דא א פלאץ ווי מען קען טוישן אז ביי א באצאלטע אינוואויס זאל ארויפקומען א צווייטע מעסעטש??

נ.ב. יעדער איז בארעכטיגט צו ענטפערן נישט נאר שטרויזאק....

צוריק אויבן

## (#p214393)

דורך **קבל את האמת** » מאנטאג אפריל 06, 2009 4:50 pm

איך פארשטיי נישט שוועמל לעצטע שאלה

עס איז דאך זייער פשוט,ווען איינער פלעסיד אן ארדער ענטערד מען א סעלס ארדער(דרך אגב די 09 ווערסיע האט די אפשען אז מקען מאכען דאפליקעט סעלס ארדער , איז פאר א קאנטיניא קאסטמער קען מען סתם קאפיען)
צוריק צו בעפאר נאכדעם וואס עס איז דא א סעלס ארדער, גייט מען אויבן צו קריעט אינוויאיס עס האט ביי די זייט א קליינע עראוי און מען דריקט קריעט פי אוי

צוריק אויבן

## (#p214419)

דורך **שטרויזאק** » מאנטאג אפריל 06, 2009 6:17 pm

> ***שוועמל האט געשריבן:***
> איין זאך וואס איך וויל וויסן איז, צי ביי קאסטומערס אינוואויסעס וועט מען קענען סארטירן לויט די קאסטומער PO נומבערס. למשל א קאסטומער וואס קויפט כסדר איין מיט PO נומערן ווען ער קאלט אריין טשעקן א סטעטוס אויף א ארדער ווייסט ער דאך בלויז זיין PO נומער, און איך ווייס בלויז מיין סעילס ארדער נומער. דארף זיין א וועג וואס מ'זאל קענען זען פונדרויסן די קאסטומער PO נומבער.

ליידער איז נאך נישט געקומען די צייט צו דעם.
האוועווער, אן עצה צו דעם איז, לייג אריין די PO נומבער אין די מעמא פיעלד.

נאכדעם קאסטומייז די קאלומס אין די קאסטומער סענטער עס זאל ווייזן די מעמא. (רייט-קליק אונטן אין די רעכטע זייט פון די קאסטומער סענטער>קאסטומייז קאלומס)

צוריק אויבן

## (#p214421)

דורך **שטרויזאק** » מאנטאג אפריל 06, 2009 6:29 pm

> ***שמיי_דריי האט געשריבן:***
> ווען איך גיי צו א פעיד איוואויס עס צו שיקן אויף אימעיל קומט ארויף די זעלבע נוסח ווי ביי א אומבאצאלטע אינוואויס
> איז דא א פלאץ ווי מען קען טוישן אז ביי א באצאלטע אינוואויס זאל ארויפקומען א צווייטע מעסעטש??

ליידער טוט ק"ב נישט מחלק זיין צווישן באצאלט און נישט באצאלט ווייל עס איז די זעלבע פארם.
דו קענסט צולייגן א ליין If you already paid the invoice, kindly disregard this reminder.

צוריק אויבן

## (#p214447)

דורך **שמיי_דריי** » מאנטאג אפריל 06, 2009 8:07 pm

שטרויזאק איך האב הנאה אז איך טרעף אויף אלע זאכן וואס קוויק בוקס וועט ביי די קומענדיגע ווערסיעס האפענטליך צולייגן

די אלעע מיינע אויבערדערמאנטע דריי קשיות האבן קיינער נישט באקומען קיין געהעריגן ענטפער

צוריק אויבן

## (#p214458)

דורך **שטרויזאק** » מאנטאג אפריל 06, 2009 8:53 pm

חשוב'ע מנהלים שלומכון יסגי:

אפשר קען מען צוזאמשטעלן [דעם (http://www.yiddishworld.com/forum/viewtopic.php?f=26&t=5622)](http://www.yiddishworld.com/forum/viewtopic.php?f=26&t=5622) אשכול דא אהער?

צוריק אויבן

## (#p214460)

דורך **ווייסעך וואס** » מאנטאג אפריל 06, 2009 9:16 pm

מיין קוויק בוקס שאלה איז אזוי!

איך בין אין א מוסד, און אווי אין אלע מוסדות איז מען כסדר ביזי מיט הלוואות, מען בארג און מען באצאלט כסדר, אזוי אז א חלק ניכר פונעם אינקאם גייט צו באצאלן חובות.

יעצט אז איך וויל וויסן ווי די אינקאם איז געגאנגען, אויף וועלכע ריפארט וועל איך זעהן: א)סיי וויפיל געלט איז אריין געקומען דורך סיי וועלכע אינקאם, און ב)וויפיל געלט איז ארויס פאר עקספענסעס, און צו באצאלן לאונס?

אויף א P/L זעה איך נאר אינקאם אין עקספענסעס, איך זעה אבער נישט וואס עס איז געגאנגען צו באצאלן

לאונס.

(ביי די וועי פארוואס מאכט מען נישט איין אשכול פאר אלע סארט ענינים וואס איז נוגע קוויק בוקס, עס איז פארהאן דא אין קרעטשמע זייער אינפאמאטיווע אשכולות איבער קוויק בוקס, עס איז אבער צו זיעט און צושפרייט אלל אווער.

אפשר קען מען מאכן א סוב אשכול אונטער ביזנעס וואס זאל האבן אלע אשכולות וואס רעדן פון קוויק בוקס?)

לעצט פאראכטן דורך ווייסער וואס (memberlist.php?mode=viewprofile&u=853/.) אום מאנטאג אפריל 06, 2009 9:25 pm, איין מאל איז עס געווארן פאראכטן
צוריק אויבן

## (#p214461)

דורך שוועמל » מאנטאג אפריל 06, 2009 9:22 pm

קבל את האמת, א דאנק פאר אייך.

איך נוץ נישט געווענליך קיין SO, בלויז אינוואויסעס דערפאר האב איך נישט אינאכט גענומען דעם עררא.

צוריק אויבן

## (#p214488)

דורך שטרויזאק » מאנטאג אפריל 06, 2009 11:33 pm

> ***ווייסער וואס האט געשריבן:***
> מיין קוויק בוקס שאלה איז אזוי!
>
> איך בין אין א מוסד, און אווי אין אלע מוסדות איז מען כסדר ביזי מיט הלוואות, מען בארג און מען באצאלט כסדר, אזוי אז א חלק ניכר פונעם אינקאם גייט צו באצאלן חובות.
>
> יעצט אז איך וויל וויסן ווי די אינקאם איז געגאנגען, אויף וועלכע ריפארט וועל איך זעהן: א)סיי וויפיל געלט איז אריין געקומען דורך סיי וועלכע אינקאם, און ב)וויפיל געלט איז ארויס פאר עקספענסעס, און צו באצאלן לאונס?
>
> אויף א P/L זעה איך נאר אינקאם אין עקספענסעס, איך זעה אבער נישט וואס עס איז געגאנגען צו באצאלן לאונס.

ביי רעפארטס איז דא Custom reports דו קענסט עס מאדיפייען עס זאל ווייזן וועלכע אקאונטס דו ווילסט.

קאנטאקט מיך אין אישית, כ'וועל פרובירן דיר צו העלפן בעז"ה.

צוריק אויבן

## (#p214497)

דורך **ontrack** » דינסטאג אפריל 07, 2009 12:17 am

> ***שטרויזאק האט געשריבן:***

> ***ווייסער וואס האט געשריבן:***
> מיין קוויק בוקס שאלה איז אזוי!
>
> איך בין אין א מוסד, און אווי אין אלע מוסדות איז מען כסדר ביזי מיט הלוואות, מען בארג און מען באצאלט כסדר, אזוי אז א חלק ניכר פונעם אינקאם גייט צו באצאלן חובות.
>
> יעצט אז איך וויל וויסן ווי די אינקאם איז געגאנגען, אויף וועלכע ריפארט וועל איך זעהן: א)סיי וויפיל געלט איז אריין געקומען דורך סיי וועלכע אינקאם, און ב)וויפיל געלט איז ארויס פאר עקספענסעס, און צו באצאלן לאונס?
>
> אויף א P/L זעה איך נאר אינקאם און עקספענסעס, איך זעה אבער נישט וואס עס איז געגאנגען צו באצאלן לאונס.

there is a report called "STATEMENT OF CASH FLOW" there you can see an exact report where every dollar went, it only has to be set up right, usually the default set up from QB is ok but you can modify it to see it the way you want

צוריק אויבן

פאריגעקומענדיגע ווייז אלע הודעות פון : אלע תגובות ▼ שטעל אויס לויט געשריבן געווארן ▼
פון אונטן ארויף ▼ גיי

שרייב א תגובה

779 תגובות • בלאט **3** פון **32** • 1, 2, **3**, 4, 5, 6 ... 32

צוריק צו ביזנעס

גיי צו : ביזנעס ▼ גיי

## ווער איז אריינגעסיינט

באנוצערס וואס זענען איצט אין די פארום: Zik און איין גאסט

Switch to mobile style

page: 4

# קוויק בוקס שאלה

**די אחראים:** זייער נייגעריג, אחראי

די תקנות פונעם פארום

שרייב א תגובה

זוך אין די אשכול.... זוך

779 תגובות • בלאט **4** פון **32** • 1, 2, 3, **4**, 5, 6, 7 ... 32

(p214528#)

דורך **ווייסער וואס** » דינסטאג אפריל 07, 2009 9:59 am

שיר כח שטרוי זאק, ישר כח אן טרעק, פאן פרובירן מיר ארויס העלפן, אבער לדאבוני האלט נאך אין ערגעץ נישט.

איך וויל האבן אלע "ארדענערי אינקאם אין עקספענסעס", אבער נאר עטליכע סעלעקטעט "אדער קארענט לייעבילעטי" אקאנטס.

מוז איך מיך יעצט שפילן צו סעלעקטן אלע אינקאם אין עקספענס אקאונטס?

צוריק אויבן


## Advertisement

(/http://www.floridakoshervillas.com)


## (p214531#)

דורך **ווייסער וואס** » דינסטאג אפריל 07, 2009 10:10 am

שטרוי זאך וועלכע קאסטעם ריפארט מיינסטו?

"**קאסטעם סאמערי ריפארט**" אדער "**קאסטעם טרענזעקשאן דיטעיל ריפארט**"?

צוריק אויבן

## (p214555#)

דורך **שמיי_דריי** » דינסטאג אפריל 07, 2009 12:08 pm

עני יוניט אוועילעבעל???

א יעדעס מאל וואס איך עפען אויף די קוויק בוקס עפנט זיך אויך אויף אן רשות די לייוו קאמיונעטי העלפ

וויאזוי נעמט מען דאס אראפ??

צוריק אויבן

## (p214560#)

דורך **ontrack** » דינסטאג אפריל 07, 2009 12:22 pm

go to edit, preferences, desk top view,my preferences, deselect the box show live community

צוריק אויבן

## (p214573#)

דורך **שמיי_דריי** » דינסטאג אפריל 07, 2009 1:23 pm

שכח עס האט געארבייט

צוריק אויבן

## (p215246#)

דורך **שטרויזאק** » זונטאג אפריל 19, 2009 1:23 am

> ***יז בתמוז האט געשריבן:***
> איך האב נעכטן אינסטאלד קוויקבוקס 09, און איך וויל שיקן אן אינוואויס, פרובירט זיך צו קאנעקטן צו מיין אוטלוק. באט איך זעה נישט קיין סענד קנעפל. נאט אייך א בילד וואס איך זעה.

איך האב פונקט געהאט די זעלבע מעשה ווען איך האב געוואלט אימעילן א פיקטשער גראד פונעם אינטערנעט

(IE8) האב איך באקומען אקוראט די זעלבע סקרין.
האב איך געטון וואס איך האב געשריבן דא

> ***שטרויזאק האט געשריבן:***
> <view
> <toolbars
> <costumize
> גיי צו standard אויף די לינקע זייט, אויף די רעכטע זייט וועסטו זען די send command, כאפ עס אן און דרעג עס אריין צו די toolbar.

און עס ארבעט אמחי'.

וליתר ביאור שטעל איך ארויף א סקרינשאט, דו זאלסט טרעפן די "סענד" באטטען.

עטעטשמענטס
[(download/file.php?id=11278&mode=view/.)](download/file.php?id=11278&mode=view/.)
צוריק אויבן

## [(p215572#)](#p215572)

דורך **שוועמל** » מאנטאג אפריל 20, 2009 2:26 am

> ***שטרויזאק האט געשריבן:***
>
> > ***שוועמל האט געשריבן:***
> > איין זאך וואס איך וויל וויסן איז, צי ביי קאסטומערס אינוואויסעס וועט מען קענען סארטירן לויט די קאסטומער PO נומבערס. למשל א קאסטומער וואס קויפט כסדר איין מיט PO נומערן ווען ער קאלט אריין טשעקן א סטעטוס אויף א ארדער ווייסט ער דאך בלויז זיין PO נומער, און איך ווייס בלויז מיין סעילס ארדער נומער. דארף זיין א וועג וואס מ'זאל קענען זען פונדרויסן די קאסטומער PO נומבער.
>
> ליידער איז נאך נישט געקומען די צייט צו דעם.
> האוועווער, אן עצה צו דעם איז, לייג אריין די PO נומבער אין די מעמא פיעלד.
> נאכדעם קאסטומייז די קאלומס אין די קאסטומער סענטער עס זאל ווייזן די מעמא. (רייט-קליק אונטן אין די רעכטע זייט פון די קאסטומער סענטער>קאסטומייז קאלומס)

די עצה טוה איך שוין זייער לאנג טאקע, אבער ס'יז דאפלט ארבעט...

צוריק אויבן

## [(p215574#)](#p215574)

דורך **שוועמל** » מאנטאג אפריל 20, 2009 2:59 am

נאך א שאלה.

ביים ענטערן א קרעדיט פון א ווענדאר, גייט אלס דער קרעדיט עגעינסט A/P און דער קרעדיט ווערט אויסגענוצט בלויז ביים באצאלן די קומענדיגע בילל, דורך אראפרעכענען אויטאמאטיש דעם קרעדיט באלאנס.
וואס טוט זיך אבער ווען דער ווענדאר גיבט מיר בפועל צוריק געלט למשל אין פארם פון א טשעק אדער א ריפאנד

צום קרעדיט-קארד, וויאזוי רעקארדיר איך עס אין ק"ב אז עס זאל מער נישט זיין קיין קרעדיט עגענסט די קומענדיגע בילס וויבאלד איך האב דאך שוין באקומען דאס געלט צוריק אין A/R ?

צוריק אויבן

## (p215580#)

דורך **יגרסהדותא** » מאנטאג אפריל 20, 2009 8:16 am

איך אזא פאל, גיי אריין צו יענעם קרעדיט, איך מאך עס פאר א זיראוי, אבער ביי מעמא שרייב איך אריין די דיטעילס פון די מעשה.

*

איך וויל וויסן עפעס אנדערש, UPS זייער INVOICE NUMBER איז אייביג די ערשטע זעקס נומבער'ס די אקאנט נומבער, און דערנאך קומט צו דריי דיזשעטס [למשל, מיין אקאונט נומבער איז: Z83L56, און די ביל נומבער'ס זענען **Z83L56**596]

ווען איך ענטער זייער ביל, דארף איך קודם מעניולי טייפן די ערשטע זעקס נומבער'ס. איז דא א וועג אז ס'זאל ארויפקומען [למשל ביי MEMO] די ערשטע זעקס נומבער'ס, איך זאל עס קענען געבן א שנעלע קאפי און פעסטן ביי די אינוואויס נומבער?

צוריק אויבן

## (p215654#)

דורך **שוועמל** » מאנטאג אפריל 20, 2009 10:36 am

יא, לייג אריין דיין אקאונט נומבער אין די UPS ווענדאר פראפייל, וועט עס אלס ארויפקומען אויפן בילל

דיין תשובה צו מיר איז זייער נישט ריכטיג געטון, כ'אף דו פארשטייסט.
קודם כל, מאכן פאר א זערא וועסטו דאך נישט זען דעם קרעדיט פונדרויסן, קענסט אפשר מאכן די קוואנטיטי פאר א זערא וועט דער טאטאל זיין זערא פארשטייט זיך.
נאכדעם, ס'פעלט זיך בכלל נישט אויס צו עדיטן דעם ביל, נאר ביים באצאלן די בילל קליק אויף "יוז קרעדיטס" און נעם אראפ די טשעק פון דעם קרעדיט ביל וועט עס אויטאמאטיש נישט פארנוצט ווערן ביים יעצטיגן פעימענט.
חוץ מזה, צו פאטשקענען מיט גע'ענטער'טע בילס איז נישט קיין אפשען און זיכער נישט קיין ריכטיגע וועג.

צוריק אויבן

## (p215865#)

דורך **למדן** » מאנטאג אפריל 20, 2009 5:12 pm

קען מיר אפשר עמיצער ענטפערן אויף א פשוטע פראגע (אפשר נישט אזוי פשוט...)

ביי די ארבייט, בין איך היבש בעהיינד מיט ענטערן בילס אין קוויקבוקס, איז דא א וועג איך זאל עס קענען טאן אינדערהיים (איך האב דארט אויך קוויקבוקס פאר א זייטיגע ביזנעס) און עס דערנאך קאפיען אויף מיין סערווער אין די ביזנעס?

אויבנאויף האב איך געטראכט צו מאכן א בעקאפ פייל ביי די ארבייט, און עס דערנאך עפענען אינדערהיים, און דערנאך יענץ בעקאפן, און עס צוריקאפלאודן ביי די ארבייט (נישט אז איך ווייס גענוי פונקטליך וויאזוי איך וואלט דאס געטאן... אבער דאס וואלט געווען מיין נעקסטע שאלה...) דוכט זיך אבער אז דאס מיינט אז איך וועל דארפן אהיימגיין דער לעצטער פון די ארבייט, אדער עטליעסט זיין דער לעצטער צו נוצן קוויקבוקס, אז נישט וועל איך דאך מארגן נישט האבן דעם לעצטן בעקאפ, א יא?

איצטערט איז מיין פראגע, איז דא א בעסערע עצה?

צוריק אויבן

## (p216037#)

דורך בן יועזר » דינסטאג אפריל 21, 2009 1:39 pm

> *למדן האט געשריבן:*
> קען מיר אפשר עמיצער ענטפערן אויף א פשוטע פראגע (אפשר נישט אזוי פשוט...)
>
> ביי די ארבייט, בין איך היבש בעהייגד מיט ענטערן בילס אין קוויקבוקס, איז דא א וועג איך זאל עס קענען טאן אינדערהיים (איך האב דארט אויך קוויקבוקס פאר א זייטיגע ביזנעס) און עס דערנאך קאפיען אויף מיין סערווער אין די ביזנעס?

כבין נישט די גרעסטע מבין, אבער אויבן אויף מיין איך איז דא א פשוטע עצה טאמער קענסטו אריין לאגען פון דיין היים קאמפיוטער צום ביזנעס קאמפיוטער קענסטו דאך אויטאמאטיש האבן עקסעס צונעם ק.ב. פייל - אבער אויב וואלט דאס געווען די מצב דאן וואלסטו נישט געפרעגט קיין קשיות דא

וואס כ'טראכט יא אז אפי' די גייסט נישט אווקע די לעצטע פון אפיס קענסטו בעטען אז דער לעצטער זאל דיר אימעילן די ק.ב. פייל אויף וואס די וויסלט ארבעטען, און ווען די ענדיגסט דיין עבודה דאן אימעיל צוריק אין אפיס אז דער ערשטער אינדעפרי זאל זיך נעמען ארבעטן אויף די זעלבע פייל (אז נישט וועט דאך דיין גאנצע ארבעט גיין לאיבוד)

אבער ווי ערוונעט אפשר איזדא נאך עצות.....

> אויבנאויף האב איך געטראכט צו מאכן א בעקאפ פייל ביי די ארבייט, און עס דערנאך עפענען אינדערהיים, און דערנאך יענץ בעקאפן, און עס צוריקאפלאודן ביי די ארבייט (נישט אז איך ווייס גענוי פונקטליך וויאזוי איך וואלט דאס געטאן... אבער דאס וואלט געווען מיין נעקסטע שאלה...)

די עצה פארדעם איז פשוט דארפס אויפזוכן די ק.ב. פייל (געווענדליך הייסט דאס אזוי ווי דיין קאמפאני רופט זיך אין ק.ב.) קאפי עס ארויף אויף דיין יו.עס.בי. - וחוזר חלילה - טאמער האסטו א פרגראם אין דיין יו.עס. בי. צו סינקען קענסטו אלעס טאן מיט איין קוועטש

צוריק אויבן

## (p216039#)

דורך שוועמל » דינסטאג אפריל 21, 2009 1:44 pm

למדן די האסט דערמאנט א ווארט וואס קען דיר ממש העלפן דא.

דו שרייבסט "ביזנעס סערווער", מיינסטו דערמיט צו זאגן אז די קוויקבוקס פייל פון דיין קאמפאני ליגט אויף א סערווער און אסך קאמפיוטערס קענען עקסעסען און ארבעטן אויף די זעלבע פייל.
טאמער יא איז דאך פשוט, לאג אריין צו יענעם סערווער און עפען אויף דעם פייל מיט דיין קוויקבוקס אינדערהיים וועסטו אגאנצן צייט ארבעטן אויף זעלבן פייל.
דארפסט נישט בעקאפן און צוריקשיקן וכו'.

מען ברויך נאר טרעפן א וועג זאלסט קענען אריינלאגירן צום ביזנעס סערווער.

צוריק אויבן

## (p216144#)

דורך למדן » דינסטאג אפריל 21, 2009 4:47 pm

יישר כח בן-יועזר און שוועמל פאר'ן פרובירן צו העלפן.

אנטשולדיגט פאר'ן נישט אזוי קלאר ארויסברענגן, אבער בן יועזר האט "געכאפט" מיין פראבלעם אז 'מאמענטאל' קען איך נישט אריינלאגן פון דערהיים צום ביזנעס-סערווער, דערפאר האב איך געזוכט אן אנדערע עצה.

מיר צו אימעילן דעם בעקאפ פייל וועט אויך נישט ארבייטן צוליב די זעלבע סיבה, ווייל איך האב נישט יעצט קיין אינטערנעט עקסעס ביינאכט פאר די נעקסטע פאר וואכן.

אפן געערעדט: איך בין ביי די שוויגער

אבער טאקע דערפאר זוך איך גראדע צו בלייבן שפעט ביי די ארבייט... סאו, וועל איך עס ארויפלייגן אויף מיין יו-עס-בי, און איינמעלדן די אנדערע צווי פערזאנען וועלכע ארבייטן אויף ק"ב, אז איך דארף זיין דער לעצטער און דער ערשטער צו עפענען ק"ב יעדן טאג. (סייווי בין איך רוב צייט אויף ק"ב און די אנדערע צווי נוצן עס נאר נאכצוקוקן א באלאנס וכדומה, און כמעט נישט קיין דעטע ענטרי.)

און יישר כח נאכאמאל פאר די הילף

צוריק אויבן

## (p216150#)

דורך שמיי_דריי » דינסטאג אפריל 21, 2009 5:07 pm

למדן יעצט איז געקומען מיין חלק

איך רעד איצט פון עקספיריענס...

מערטשען פון איין קוויקבוקס צו א צווייטע קען מען נישט. פינטל.
איך האב איינמאל אריין געלייגט מיין גאנצע ארבייט אין איין קוויקבוקס מיטן חשבון עס צו מערטשען מיט א צווייטע און למעשה האט מען נישט געקענט און איך האב אפילו גערופן אינטואיט צו עס איז דא א וועג און זיי האבן געזאגט ניי אז עס איז נישטא קיין אפציע דערפאר

מאכן א בעקאפ און עס עפענען אויפן ביזנעס קאמפיוטער איז נישט קיין עצה ווייל דעמאלטס וועט ער דעליטען די גאנצע אלטע סחורה וואס דו האסט אויף די ארבייט קאמפיוטער און ער וועט האלטן נאר די בעקאפ פון די היים קאמפיוטער

צוריק אויבן

## (p216259#)

דורך יאנאש » דינסטאג אפריל 21, 2009 7:39 pm

נו דאס איז זיין איידיע, דעליטן די נעכטיגע פון ביזנעס יעדן טאג און אלעס נעמען נאר פונעם בעק אפ.

צוריק אויבן

[(p216262#)](#)

דורך **שוועמל** » דינסטאג אפריל 21, 2009 8:23 pm

> ***שמיי_דריי האט געשריבן:***
> למדן יעצט איז געקומען מיין חלק
>
> איך רעד איצט פון עקספיריענס...
>
> מערטשען פון איין קוויקבוקס צו א צווייטע קען מען נישט. פינטל.
> איך האב איינמאל אריין געלייגט מיין גאנצע ארבייט אין איין קוויקבוקס מיטן חשבון עס צו מערטשען מיט א צווייטע און למעשה האט מען נישט געקענעט און איך האב אפילו גערופן אינטואיט צו עס איז דא א וועג און זיי האבן געזאגט ניי אז עס איז נישטא קיין אפציע דערפאר

איך ווייס נישט וואס דו רופסט 'מערזשן', אבער ווילאנג סי'ז א קוויקבוקס פייל קענסטו עס עפענען און יעדע קאמפיוטער וואס האט קוויקבוקס - **אבער !** נישט מיט א נידריגערע ווערסיע!
די זעלבע ווערסיע אדער א העכערע איז נישט קיין שום פראבלעמא.

> ***שמיי_דריי האט געשריבן:***
> מאכן א בעקאפ און עס עפענען אויפן ביזנעס קאמפיוטער איז נישט קיין עצה ווייל דעמאלטס וועט ער דעליטען די גאנצע אלטע סחורה וואס דו האסט אויף די ארבייט קאמפיוטער און ער וועט האלטן נאר די בעקאפ פון די היים קאמפיוטער

האט שוין יאנאש גוט געזאגט.

צוריק אויבן

[(p216290#)](#)

דורך **סאכדעס** » דינסטאג אפריל 21, 2009 10:39 pm

שמיי דריי, ער רעדט נישט פון ארבעטן אויף א נייע פייל אינדערהיים, און עס דערנאך נוצן אין אפיס. ער וויל ארבעטן אויפ'ן זעלבן פייל, דורך א בעקאופ.
עס קוקט מיר אויס, אז דו האסט נישט געכאפט דעם אישו, דערפאר האסטו דאס געענפערט.

צוריק אויבן

[(p217998#)](#)

דורך **קבל את האמת** » מאנטאג אפריל 27, 2009 1:50 pm

> ***שמיי_דריי האט געשריבן:***
> למדן יעצט איז געקומען מיין חלק
>
> איך רעד איצט פון עקספיריענס...
>
> מערטשען פון איין קוויקבוקס צו א צווייטע קען מען נישט. פינטל.
> איך האב איינמאל אריין געלייגט מיין גאנצע ארבייט אין איין קוויקבוקס מיטן חשבון עס צו מערטשען מיט

א צווייטע און למעשה האט מען נישט געקענעט און איך האב אפילו גערופן אינטואיט צו עס איז דא א וועג און זיי האבן געזאגט ניי אז עס איז נישטא קיין אפציע דערפאר

מאכן א בעקאפ און עס עפענען אויפן ביזנעס קאמפיוטער איז נישט קיין עצה ווייל דעמאלטס וועט ער דעליטען די גאנצע אלטע סחורה וואס דו האסט אויף די ארבייט קאמפיוטער און ער וועט האלטן נאר די בעקאפ פון די היים קאמפיוטער

אויב האט איר שנעלע אינטערנעט אינדערהיים
און די קאמפיוטער ביי די ארבעט קען בלייבן אנגעצונדען
דאן קענט איר האבען בחנם לאג מי אין. און ארבעטען פון דערהיים דורך אריין גיין אין די ארבעט קאמפיוטער
הצלחה

(https://secure.logmein.com/home.asp?lang=en (https://secure.logmein.com/home.asp?lang=en

צוריק אויבן

## (p220732#)

דורך **שוועמל** » מאנטאג מאי 04, 2009 12:14 am

דריי שאלות:

1) וויזוי קען מען צאלן בילס מיט קעש?
ער גיט מיר נישט קיין אפציע צו סלעקטן די קעש אקאונט ביים באצאלן.

2) ביים ענטערן אייטעמס. וואס איז א חילוק צווישן א "אינווענטארי אייטעם" און א "נאן-אינווענטארי אייטעם"?
ביידע מאל קומען ארויף די זעלבע פיעלדס, און נאכדערצו ווען ס'ווערט אסיינד צו די זעלבע אינקאם און עקספענס אקאונטס.
וועט ערגעץ ביי די סוף חשבונות כאפן א חילוק?

3) ווען איך מאך אן אינוואויס איז דא א וועג צו זען די "קאסט" פון די אייטעם? כדי איך זאל האבן א שטיקל ידיעה איבער וויפיל איז די פארדינסט לגבי די סעיל פרייז.

צוריק אויבן

## (p224261#)

דורך **שוועמל** » דינסטאג מאי 12, 2009 1:46 am

חברים לעבן, כ'אב ענק געפרעגט 3 קשיות זייט מוחל ענטפערט מיר א תירוץ...

צוריק אויבן

## (p224276#)

דורך **סאכדעס** » דינסטאג מאי 12, 2009 6:57 am

כדי שלא להשאיר השוועמל מבוזה, העלעך פרובירן ענפערן לויט מיינע ידיעות.
1) איך האב נאכקיינמאל נישט געמאכט קיין קעש אקאונט, אלזא ווייסעך נישט.
2) לכאורה איז דער חילוק צי דו ווילסט האלטן חשבון אויף אינווענטארי, צי נישט.
3) איך מיין אז ביי אן אינוואויס איז עס נישט מעגליך, איך פיר זיך אזא פאל צו מאכן אן עסטימעיט, דארט קען מען יא זעהן גענוי וויפיל מ'לייגט ארויף מארקעטאפ. און דאן איז דא אן אפשען צו מאכן דערפון אן אינוואויס.

צוריק אויבן

## (p225208#)

דורך לחיים ולברכה » מיטוואך מאי 13, 2009 6:18 pm

1) וועלכע אקאונט נוצטו ווען דו באקומסט קעש פון א קאסטומער? איך נוץ אן אקאונט וואס רופט זיך 'גמ"ח'. ביים באצאלן א ביל נוץ איך א טשעק פון די גמ"ח אקאונט.
2) כסאכדעס. אויב ווילסטו האלטן חשבון וויפיל דו האסט נאך, דארפסטו נוצן די אינווענטארי אפציע, און ביי די רעפארטס קענסטו זעהן פונקטליך וויפיל דו האסט נאך.
3) אויף די אינוואויס זעלבסט טאקע נישט, אבער ביי די רעפארטס קענסטו זעהן פונקטליך די פראפיט.

צוריק אויבן

## (p225807#)

דורך למדן » פרייטאג מאי 15, 2009 1:31 pm

אפשר קען מיר עמיצער העלפן מיט א קוויק בוקס פראגע:

איך האב א זייטיגע ביזנעס וואס איז אויפגעסעט אין קוויק בוקס בעיקר אלס א "סערוויס" ביזנעס, ד"ה אן אינווענטארי וכו',

אן ארויסשרייבן גענויע דיטעילס, וועל איך דעסקרייבן די ביזנעס אז עס איז כמו-"קאנסולטינג", איך העלף מענטשן/ביזנעסער מיט איידיעס וויאזוי זיך אויסשטעלן און אויפסעטן, איידיעס פאר עדווערטייזינג און מארקעטינג. הקיצור, איך קויף נישט גארנישט און איך פארקויף גארנישט, טא, מיין אינקאם איז נישט אויף ספעציפישע אייטעמס ווייל איך האב דאך נישט קיין אינווענטארי, און אויך נישט אויף סערוויסעס וואס קאסט מיר געלט ווייל איך מאך דאך נישט קיין ריפערס וכדומה, עס איז בלויז גערעכנט פאר צייט אדער פאר א פארטיגן פלאן וכו'. די זעלבע איז מיט מיינע עקספענסעס, איך האב נישט אזא מין זאך ווי "קאסט אוו גודס סאולד" ווייל דאס וואס איך פארקויף קאסט מיר נישט א פרייז.

אין קורצן, איך רעכן פאר צייט אדער פאר א פראיעקט, און דאס איז מיין אינקאם -- דערנאך רעכן איך אראפ די עקספענסעס וואס קאסט מיר אויפצוהאלטן די קאמפאני [סאו-טו-ספיק], אריינגערעכנט מיין אפיס-רענט, קאמפיוטער, אינטערנעט, טעלעפאן, קאר, אד"ג , אלעס וואס בלייבט איבער איז מיין נעט אינקאם אויף וואס איך צאל שטייערן, און נאכ'ן צאלן שטייערן איז די איבעריגע געלט טעכניש "מיינס".

יעצט איז מיין פראגע, ווען איך נעם ארויס פונעם איבערגעבליבענע געלט, און איך שרייב זיך א טשעק פון די ביזנעס, וויאזוי זאל איך דאס ענטערן? וואספארא מין אקאונט איז דאס? עס איז דאך נישט א חלק פון די "ביזנעס' עקספענסעס" פאר'ן נייעם שטייער-יאר, עס איז ריין-געלט פון פריערדיגן יאר. עס איז דאך נישט אז איך ליידיג אויס די אקאונטס נאכ'ן צאלן שטייערן, און איך פאנג אן א נייעם יאר מיט א זערא באלאנס, די יארן לויפן ווייטער און טשעקס קומען אריין, און גייען ארויס, טא, וואס איז די אויסגעהאלטענע וועג צו טאן? וויאזוי שטעל איך עס אין ריכטיגן 'פלאץ'? וואס איז די בעסטע 'אקאונט' צו נוצן?

דורכקוקנדיג די טשארט אוו אקאונטס, האב איך געזען אז איך האב דארט אזא זאך ווי "ריטעינד אוירנינגס" -- איז דאס עפעס וואס האט שייכות צו מיר? און אויב יא? אפשר איז מיר עמיצער מסביר גענוי וויאזוי דאס ארבייט.

יישר כח

צוריק אויבן

## (p225830#)

דורך שוועמל » פרייטאג מאי 15, 2009 3:23 pm

דיין טעות איז, אז דו מיינסט אז נאכן צאלן שטייערן איז די געלט טעכנישט "דיינס" !

דאס געלט באלאנגט פארן קארפארעשאן וואס איז א בריה בפני עצמו, דו ביסט אפשר דער אפיסער פון דעם בריה און אויך דער סיינער אויפן אקאונט, אבער דאס געלט באלאנגט ווייטער פאר די ביזנעס ווילאנג דו נעמסט עס נישט ארויס, נישט קיין חילוק וויפיל יאר עס ליגט דארט.

כדי ארויסצונעמען געלט [אידיש גערעדט], איז דא פארשידענע רעקאמענדאציעס ווי למשל מאכן טשעקס פאר אדווערטייזמענט עקספענס [מוסדות זשורנאלן - שכ"ל], ביזנעס מיטינג עקספענס [גראסערי און בוטשער - חתונה זאלן], אפיס סופלייס [ווילהעלם הארדווער], אויטא עקספענס [קאר און אינשורענס]. וכו' וכו'.

אויך זענען דא מער קאמפליצירטע וועגן למשל א קאסטומער וואס פארקויפט עס ווייטער דארפסטו נישט פיילן קיין טעקס, ווייל יענער פיילט שוין. אבער איך ראט נישט זאלסט עס טון אן א געניטער אקאונטענט.

כדי צו וויסן אבער וועלכער איז א ריכטיגע הוצאה פאר די ביזנעס און וועלכע נישט, מוזטו מאכן "קלעסעס" אין קוויקבוקס. יעדע טראנזאקציע וואס איז נישט לעזשיד מאך צו קלעס B וכדומה. דערנאך וועט דאס אלעס ארויסקומען ביי ריפארטס.

ריטעינד עירנינגס איז נישט פאר דיר, ס'יז פאר אינווענטארי געווענליך.

אויסצושרייבן א טשעקל פאר דיר אליינס קענסטו טון אין צווי וועגן, אדער דורך פיילן א 1099, אדער אויב דו ביסט עמפלויעד אין די ביזנעס וואס דאן דארפסטו פיילן עמפלויעמענט טעקס, ווארקערס קאמפ. וכו' וכו' נאך טעקסעס. איז די שאלה צי עס לוינט דיר זאלסט ארבעטן אין די ביזנעס.

פארשטייט זיך דאס אלעס איז נאר אויב דו ביסט א לעגאלער ביזנעס. אויב אבער מאכסטו שבת פאר דיר מיט א קעש ביזנעס, דאן קענסטו טאן וויאזוי דו ווילסט. לאקי יא.

צוריק אויבן

פאריגעקומענדיגע ווייז אלע הודעות פון : אלע תגובות ▼ שטעל אויס לויט געשריבן געוואָרן ▼
פון אונטן ארויף ▼ גיי

שרייב א תגובה

779 תגובות • בלאט **4** פון **32** • 1, 2, 3, **4**, 5, 6, 7 ... 32

צוריק צו ביזנעס

גיי צו : ביזנעס ▼ גיי

## ווער איז ארייַנגעסיינט

באנוצערס וואס זענען איצט אין די פארום: Zik און 2 געסט

Switch to mobile style

page: 5

# קוויק בוקס שאלה

**די אחראים:** זייער נייגעריג, אחראי

די תקנות פונעם פארום

שרייב א תגובה

זוך אין די אשכול.... זוך

779 תגובות • בלאט **5** פון **32** • 1, 2, 3, 4, **5**, 6, 7, 8 ... 32

(p226637#)

דורך **למדן** » מאנטאג מאי 18, 2009 5:32 pm

יישר כח פאר'ן פרובירן צו העלפן, איך זע אבער אז איך האב מיך נישט גוט מסביר געווען.

אוודאי, ביזטו גערעכט אז נאכדעם וואס א ביזנעס באצאלט שטייערן באלאנגט די איבעריגע געלט פאר די ביזנעס און נישט פאר'ן אפיסער פון די ביזנעס.

ביי מיר קען אבער לכאורה זיין אביסל אנדערש, ווייל איך טראכט פון מאכן א קאראפארעישאן [מסתמא איז דאס א "על-על-סי"] אין וואס איך וועל זיין די איינציגסטע אפיסער, און פיילן די אינקאם אינאיינעם מיט מיין פערסאנעל טעקס רעטוירן. א חבר מיינער האט עפעס ענליכס, און איך האב שוין גערעדט דערוועגן מיט אן אקאונטענט, און ער זאגט אז איך וועל דארפן פיילן 'סקעדזשועל אי' און די ביזנעס קען מיר געבן א קעי-1 פארם פאר פארטנערשיפ אינקאם [ענליך צו א 1099].

דער אקאונטענט וויל אבער זען מער דעטאלן פון מיין ביזנעס, און איך וויל אים ווייזן א סעמפל וויאזוי איך האב עס אויפגעסעטט אין קוויקבוקס, וואס דערפאר האב איך דא געפרעגט מיין פראגע [פיל ביליגער ווי פרעגן מיין אקאונטענט א קוויק-בוקס שאלה...]

הרב שוועמל, האסט אויפגעברענגט איין אפציע וויאזוי איך קען ארויסנעמען געלט פון א ביזנעס, דורך שרייבן א טשעקל צו מיין נאמען און פיילן א 1099, --- טא, איז מיין פראגע איצטערט: נניח אז איך וועל פיילן א 1099 אדער א קעי-1, אבער וואספארא "אקאונט" זאל איך נוצן ווען איך שרייב מיר דעם טשעקל?

צוריק אויבן

## Advertisement

(/http://www.floridakoshervillas.com)

### (p226753#)

דורך **שטרויזאק** » מאנטאג מאי 18, 2009 10:20 pm

דו מיינסט מסתם אן S קארפארעישאן.

דו דארפסט מאכן אן "עקוויטי" אקאונט מיטן נאמען Shareholders Distributions.

צוריק אויבן

### קוויקבוקס: ענטערן ריאימבורסמענט טשעקס (p226761#)

דורך **שוועמל** » מאנטאג מאי 18, 2009 11:43 pm

איך שיק מיט פעדעקס און יו פי עס.

ווען זיי צעברעכן א פראדוקט אין טרענזיט, זאל נישט אויסגערעדט זיין, פייל איך א קלעים אויף די ווערט פונעם פראדוקט (די קאסט פרייז) און געוועגליך באצאלן זיי לויט וויפיל דעקלערד וועליו מען האט ארייגעלייגט בעת'ן מאכן דעם לעיבל.

נאך א וואך צוויי שיקן זיי צוריק די געלט דורך א טשעק.

וויאזוי לייג איך אריין דעם טשעק אין קוויקבוקס?
מאכן א קרעדיט פארן ווענדער - למשל פעדעקס - איז נישט ריכטיג ווייל ס'יז נישט קיין קרעדיט, סי'ז א טשעק.
מאכן סתם א דעפאזיט אין באנק אקאונט, וועל איך דאך נישט וויסן פארוואס און פארוועם.

צוריק אויבן

### (p226762#)

דורך **שטרויזאק** » דינסטאג מאי 19, 2009 12:38 am

מאך א קרעדיט מעמא.
מאך א דיפאזיט.
די נאמען פון דעם ווענדאר - Received from
Account - A/P
Check number
גיי צו *פעי בילס* וועסט דארט זען די אקארשט-געמאכטע טשעק (ווייל עס איז א פלוס אין A/P).
סעלעקט די טשעק.
גיי צו *סעט קרעדיטס* און עפפליי די קרעדיט מעמא צו דעם טשעק.

לאז וויסן אויב עס ארבעט.

צוריק אויבן

## (#p227103)

דורך **למדן** » דינסטאג מאי 19, 2009 6:29 pm

א גרויסן שקויעך, שטרויזאק!

צוריק אויבן

## (#p227402)

דורך **שוועמל** » מיטוואך מאי 20, 2009 2:28 pm

> ***לחיים ולברכה האט געשריבן:***
> 1) וועלכע אקאונט נוצטו ווען דו באקומסט קעש פון א קאסטומער? איך נוץ אן אקאונט וואס רופט זיך 'גמ"ח'. ביים באצאלן א ביל נוץ איך א טשעק פון די גמ"ח אקאונט.
> 2) כסאכדעס. אויב ווילסטו האלטן חשבון וויפיל דו האסט נאך, דארפסטו נוצן די אינווענטארי אפציע, און ביי די רעפארטס קענסטו זעהן פונקטליך וויפיל דו האסט נאך.
> 3) אויף די אינוואויס זעלבסט טאקע נישט, אבער ביי די רעפארטס קענסטו זעהן פונקטליך די פראפיט.

1) איך באקום קיינמאל קיין קעש, און אויב יא לייג איך עס נישט אריין
אבער אין ק"ב ביי דיפאלט איז דא אן אקאונט וואס הייסט קעש, האב איך געוואלט וויסן צו מען קען דאס אפשר נוצן. אויב נישט, איז דיין עצה א גוטע צו מאכן א באנק מיטן נאמען קעש.

3) רעפארטס ווייס איך, איך וויל אבער א שנעלערע אפציע, ווען א קאסטומער מוטשעט צו זען גלייך די קאסט און וויפיל נאך איך קען אראפגעבן. עס איז דא פארשידענע טעמפלעיטס, איינס איז 'מאלטיפל סעילס ארדערס' דארט קומט ארויף מער קאלומס איינס מיין איך האט די קאסט (?).
סאכדעס זאגט ביי סעלס ארדער קען מען יא, דארף מען א קוק טאן.

צוריק אויבן

## (#p231071)

דורך **פארצייטישע** » דינסטאג יוני 02, 2009 6:20 pm

איך זוך יעצט צו באקומען קוויק בוקס, איך דארף נישט דו בעסטע און לעצטע אפדעיטוט,
קען מיך אפשר איינער זאגן ווי מ'קען עס באקומען פאר די ביליגסטע פרייזן.

צוריק אויבן

## (#p231691)

דורך **מענטש** » דאנערשטאג יוני 04, 2009 7:03 am

אויב ווילט איר "קויפן"קוויק בוקס איז אזוי קוויק בוקס קומט יעדעס יאר ארויס מיט א נייע ווערסיע און ווען זיי קומען ארויס מיט די נייע ווערסיע הערן זיי אויף צו פארקויפן די אלטע
אבער אין קוויק בוקס אליין איז דא אפאר מינע עס איז דא רעגולער קוויקבוקס פאר 200 דאללער (איך קען דיר עס פארשאפן פאר אביסל ביליגער) און נאכדעם איז דא א איינס וואס רופט זיך אקאונטענט און יענץ איז ארום 350 און די אנדערע איז ענטערפרייס וואס קאסט אפאר אלפים.

איז אויב ווילסטו קויפן וועט דיר עס קאסטן 200 דאללער און אויב ווילסטע נישט קויפן פארשאף דיר איינס בחנם וד"ל. אבער עס איז דא געוויסע זאכן וואס מען קען נאר טוהן אויב מען האט א געקויפטע קוויקבוקס...

צוריק אויבן

## (p231696#)

דורך **פארצייטישע** » דאנערשטאג יוני 04, 2009 7:43 am

א גרויסן יישר כח פאר'ן זיין א "מענטש" און ענטפערן
מיין שאלה איז אויב מיט די רעגולער קען מען האבן employers.

צוריק אויבן

## (p231704#)

דורך **שמיי_דריי** » דאנערשטאג יוני 04, 2009 8:06 am

עמפלויאיס קענסטו האבן מיט אלע אבער דו דארפסט צו קויפן די פעיראל פראגראם

גראדע איז דא א טריק (נישט קיין געשווינדעלטע מעשיות...) וואס רוב מענטשן ווייסן נישט דערפון ווי אזוי מען קען מאכן מען זאל האבן פרי פעיראל אבער פארשטייצעך נישט מיט אלע אפציעס וואס זי גיבן דיר ווען דו באצאלסט דערפאר..

איז אזוי פאר פעיראלל מוז מען האבן א כשרע קוויקבוקס וויל פאר פעיראלל ברויך מען דאון לאודען יעדע שטיק צייט די טעקס טעיבל און ווען דו גייסט ארויף אויף זייער סייט קענען זיי גלייך זעהן צו ביסט כשר צו נישט איז אויב ווילסטו עס פאר עמפלויאיס עצה איך דיר צו נעמען א כשרע (עטליעסט די פעיראלל פראגראם זיכער)

צוריק אויבן

## (p231734#)

דורך **מענטש** » דאנערשטאג יוני 04, 2009 8:51 am

> ***שמיי_דריי האט געשריבן:***
> גראדע איז דא א טריק (נישט קיין געשווינדעלטע מעשיות...) וואס רוב מענטשן ווייסן נישט דערפון ווי אזוי מען קען מאכן מען זאל האבן פרי פעיראל אבער פארשטייצעך נישט מיט אלע אפציעס וואס זי גיבן דיר ווען דו באצאלסט דערפאר..

אפשר ביסטו אביסל מער מסביר וואס דו מיינסט טריקס און נישט געשווינדעלט? ווי אזוי מאכט מען דאס?

פארצייטישער, ווי שמיי דריי האט שוין געזאגט, כדאי צו ארביטן מיט עמפלויאיס און דו ווילסט אליינס מאכן דיין פעיראל פארשטייסטו אליינס אז דו מוזט האבן טעקס טעיבעלס צו וויסן וויפיל אראפ צו נעמען.. און פאר די טעקסט טעיבעלס מוזטו האבן א גערעטשיסטערטע קוויק בוקס..

אויב ווילסטו עפעס קויפן פארבינד דיך מיט מיר.. איך בין א קוויקבוקס פרא אדווייזער (דאס מיינט אז איך האב מיר געלערנט ביי זיי קוויקבוקס און איך האב א דיפלאמע פון זיי...) און איך קען דיר פארשאפן וואס דו דארפסט נאר פאר 10 פראצענט ביליגער...

צוריק אויבן

## (p233298#)

דורך גראדער » דינסטאג יוני 09, 2009 9:59 pm

איך דיסטריביוט א געוויסע אייטעם פאר איינעם, יעדן חודש דארף איך אים גיבן א רעפארט "קעש בעסיס" דאס הייסט אויף וויפיל פון זיינע אייטעמס איך האב באקומען באצאלט פון די קאסטומערס פאריגן חודש, און לויט דעם באצאל איך אים, נאך א יאר אים גיבן ריפארטס האב איך מיך געכאפט אז עפעס שטימט נישט, און איך האב מיך דערזעהן מיט א מוראדיגע לאך אין קוויק בוקס.

ווען ראובן האט גענומען פון מיר צען שטיקלעך סחורה פאר הונדערט דאלער, און צוויי חדשים שפעטער האט ער מיר געגעבן 50 דאלער אויפן חשבון, קומט ארויס אויפן ריפארט אז איך האב באקומען באצאלט פאר די צען שטיקלעך, דעם נעקסטן חודש ווען ער האט מיר געגעבן די איבריגע 50 דאלער, קומט נאכאמאל ארויף אויפן ריפארט די גאנצע צען שטיקלעך.

און היות איך האב יענעם באצאלט יעדן חודש וויפיל דער ריפארט האט געזאגט אז מען האט באקומען באצאלט דערויף האב איך אים שיין איבערגעצאלט, עס רעדט זיך פון צענדליגער קאסטומערס און הונדערטער שטיקלעך סחורה און דער פראבלעם ווערט נאר ווען א קאסטומער באצאלט נאר א חלק פון א ביל אויפאמאל, ממילא איז עס נישט געווען אזוי מערקבאר אין אנפאנג.

פארשטייט זיך דאס איז נאר ווען מען מאכט א ריפארט "קעש בעסיס"

עס איז גוט צו וויסן נישט אדורכצופאלן מיט דעם זעלבן פראבלעם.

צוריק אויבן

## (p233299#)

דורך צום זאך » דינסטאג יוני 09, 2009 10:12 pm

> ***גראדער האט געשריבן:***
> יעדן חודש דארף איך אים גיבן א רעפארט "קעש בעסיס"
>
> ווען ראובן האט גענומען פון מיר צען שטיקלעך סחורה פאר הונדערט דאלער, און **צוויי חדשים שפעטער** האט ער מיר געגעבן 50 דאלער אויפן חשבון

הרב "גראדער", אז מ'צאלט דיר צוויי און דריי חדשים שפעטער איז עס דאך נישט קיין קעש בעסיס??!!!
סאיז נישט "גראד" אזוי צו ריפארטן די קאסטומערס... די דארפסט זיי לייגן אויף אקראול בעסיס.

צוריק אויבן

## (p233300#)

דורך גראדער » דינסטאג יוני 09, 2009 10:20 pm

איך נעם פון שמעון סחורה, און איך פארקויף עס פאר ראובן, ראובן באצאלט געוועגטליך צווישן 30 און 90 טאג שפעטער, איך באצאל פאר שמעון נאר נאכדעם וואס איך האב שוין באקומען דאס געלט פון ראובן, ממילא מאך

איך פאר שמעון יעדן חודש א רעפארט פון פאריגן חודש "קעש" בעסיס, ד.ה. אויף וויפיל פון שמעון'ס אייטעמס איך האב באקומען קעש פארגאנגענעם חודש.

א קעש בעסיס רעפארט ווייזט דיר נאר די אייטעמס אויף וואס דו האסט באקומען באצאלט אין די צייט אפשניט אויף וואס דו שטעלסט אן דער רעפארט זאל דיר ווייזן, נישט קיין חילוק ווען דו האסט עס פארקויפט.

גאנץ גראד...

צוריק אויבן

## (p233343#)

דורך שמיי_דריי » מיטוואך יוני 10, 2009 7:57 am

דיין פראבלעם איז זייער פארשטענדליך און עס איז נישט קוייקבוקס פראבלעם... עס איז דיין פראבלעם.. פארוואס??

זייער "גראד"... ווען דו שרייבסט אריין אין קוויק בוקס אז איינער האט דיר שוין באצאלט איז לדוגמא ראובן האט גענומען פון דיר צעהן שטיקלעך יעדע איינס קאסט צעהן דאללער און ער באמאלט דיר נאר 50 דאללער פרעגט דיר קוויקבוקס וואס דו ווילסט טוהן מיט די איבעריגע פופציג דאללער (וייל דו האסטאך אים פארקויפט צעהן שטיק פאר איטש צעהן דאללער קומט אויס צו הונדערט דאללער...) איז אויב שרייבסטע אוועררייד איט (דאס מיינט אז ער זאל פארגעסן פון די אנדערע פופציג) וועט ער דיר פרעגן פון וועלעכע אקאונט און טאמער איז עס א דיקאונט מאכסטו א דיסקאונט אקאונט און דו לייגסט עס דארט אריין

אבער טאמער ווען ער פרעגט דיר וואס דו ווילסט טוהן מיט די איבעריגע פופציגער לייגסטע אריין אז ער איז עס נאך שולדיג איז ווען ער גייט באצאלן די אנדערע פופציג וועסטו עס עפלייען צו די זעלבע אינוואויס וועסטו אי"ה נישט זעהן קיין טעותים אין די רעפארטס...

צוריק אויבן

## (p233713#)

דורך לחיים ולברכה » מיטוואך יוני 10, 2009 7:53 pm

זאל איך זיך אנרופן? אויב דו נוצט אינווענטארי, איז דאס בכלל נישט גראד... ס'איז לכאורה "נישט" דיין פראבלעם, נאר א פראבלעם פון קוויקבוקס.

אויב מ'נוצט אינווענטארי, וועט דער קעש בעיסיס רעפארט ארויסגעבן א פאלשע רעפארט. כ'האב נישט קיין צייט צו מאריך זיין, כ'האב דאס נאר ערוועגט.

צוריק אויבן

## (p235081#)

דורך גראדער » מאנטאג יוני 15, 2009 7:33 pm

> ***לחיים ולברכה האט געשריבן:***
> זאל איך זיך אנרופן? אויב דו נוצט אינווענטארי, איז דאס בכלל נישט גראד... ס'איז לכאורה "נישט" דיין פראבלעם, נאר א פראבלעם פון קוויקבוקס.
>
> אויב מ'נוצט אינווענטארי, וועט דער קעש בעיסיס רעפארט ארויסגעבן א פאלשע רעפארט. כ'האב נישט קיין צייט צו מאריך זיין, כ'האב דאס נאר ערוועגט.

הוא אשר דיברתי, ביי קעש בעסיס קומט ארויס פאלשע רעפארטס.

אבי איינער נעמט זיך שוין אן פאר מיר...

יישר כח

צוריק אויבן

## קרעדיט אין קוויק באקס (#p235112)

דורך בן יועזר » מאנטאג יוני 15, 2009 9:39 pm

שאלה: כהאב באמערקט אין קוויק באקס אז איינע פין מיינע קאסמטומער האבן א קרעדיט פין $300 (יעדע מאל וואס כאינוואויס איהם פרעגט מיר ק.ב. צי כוויל ניצן די קרעדיט) איך ווייס אבער פאר א פאקט אז ער האט נישט אזא קרעדיט - אדרבה ווען איך גיי צי מיין קאסטומערס ליסט שטייט דארט אז ער האט א באלאנס וואס ער איז מיר שולדיג

מיין שאלה איז 1) ווי קען איך עדיטן אין אויסמעקן די קרעדיט

2) פין ווי איז די קרעדיט נולד געווארן מתחלה

צוריק אויבן

## (#p235128)

דורך צום זאך » מאנטאג יוני 15, 2009 10:32 pm

די פראבלעם קען זיך נעמען ווען מען ענטערט יענעמס פעימענט און מען האט עס נישט אפלייעד צו זיין אינוואויס, במילא בלייבט עס א קרעדיט אין ק.ב. ווייל ער האט נאכנישט גענוצט די געלטער, מאך זיכער אז יעדע פעימענט איז געווארן APPLIED צו א פריערדיגע אינוואויס/ביל

צוריק אויבן

## (#p235639)

דורך הערשי קניהויז » מיטוואך יוני 17, 2009 9:14 am

מיין קוויק בוקס האט געמאכט פראבלעמען, אינטואיט האט געזאגט אז דאס פייל איז צובראכן און זיי פארעכטן עס פאר א גוטן פרייז.

איך האב עס אריינגעשיקט צו אינטואיט און אויף דערווייל האב איך געניצט מיין לעצטע בעקאפ פייל, היינט האב איך צירוק באקומען מיין געהעריגע פייל, דארף איך יעצט איבערלייגן אלע אינפארמעישאן אינעם געהעריגע קויקבוקס.

איז דא עפעס א וועג אריבערצופירן פון איין קוויקבוקס פייל צום צווייטן? אדער איך מיז אלעס נאכאמאל ענטערן?

צוריק אויבן

## (#p235705)

דורך שמיי_דריי » מיטוואך יוני 17, 2009 11:21 am

עס האט זיך מיר געמאכט א פראבלעם וואס איך מיין אז מען קען עס נישט פארריכטן אבער פאר איך גיב אויף וויל איך זיכער מאכן אז מען קען טאקע נישט... אפשר ווייסט איינער ווי אזוי מען מאכט עס

ווי באקאנט נעמט די קרעדיט קארד מעסטער קארד און וויסע ארויס אויף איינמאל א חודש די גאנצע געלט וואס קומט זיי די פראצענט. און מען מאכט אויף א וואנדער מערטשענט סערוויס צו ווי אזוי מען וויל עס רופן און מ'רעקארד דארט יעדע חודש די געלט וואס זיי האבן ארויסגענומען...

למעשה איז מיר אויסגעקומען צו טוהן א טובה פאר איינעם און אים אביסל מסדר זיין זיין קוויקבוקס.. און דא איז עס געזעהן.. איך האב מיך אנגעשטאלפערט.. די מערטשענט סערוויס איז א קאסטומער און גארנישט קיין ווענדער... הערט א מעשה.. פרעגטס מיר אפילו נישט ווי אזוי מען באמערקט נישט אזא גראבע טעות... די רעפארטס שטומען דאך פשוט נישט...

יעצט צו די פוינט.. איז דא א וועג ווי איך קען מאכן די קאסטומער מיט אלע זיינע אינוואויסעס זאלן ווערן א ווענדער און די אינוואויסעס זאלן ווערן בילס???
איך מיין אז נישט בעסער געזאגט איך ווייס אז נישט אבער אפשר דאך.. שערי קרעטשמע לא ננעלו... איינער ווייסט דא צו מען קען עס מאכן און אויב יא וויאזוי???....

שכח למפרע פארן ענטפערן..

צוריק אויבן

## (p235927#)

דורך **בן יועזר** » מיטוואך יוני 17, 2009 9:39 pm

> ***צום זאך האט געשריבן:***
> די פראבלעם קען זיך נעמען וויבאלד ווען מען ענטערט יענעמס פעימענט און מען האט עס נישט אפלייעד צו זיין אינוואויס, במילא בלייבט עס א קרעדיט אין ק.ב. ווייל ער האט נאכנישט גענוצט די געלטער, מאך זיכער אז יעדע פעימענט איז געווארן APPLIED צו א פריערדיגע אינוואויס/ביל

די רעדסט דאך אזוי **צום זאך** טאקע דאס איז געווען מיין פראבלעם, מיין קאסטומער האט מיר באצאלט א חלק פונעם ביל האב איכעס שוין ריקארדעד, דערנאך האט ער צוגעצאלט די איבריגע האבעך פשוט פאראכטן די פריעדיגע פעימעינט, האב איך אבער נישט געכאפט אז ק.ב. האב נישט צוגעלייגט די השלמה צי די ביל נו אויב אזוי איזעס געבליבען א קרעדיט!!! שכח נאכאמאל

צוריק אויבן

## (p235942#)

דורך **שוועמל** » דאנערשטאג יוני 18, 2009 1:08 am

> ***הערשי קניהויז האט געשריבן:***
> מיין קוויק בוקס האט געמאכט פראבלעמען, אינטואיט האט געזאגט אז דאס פייל איז צובראכן און זיי פארעכטן עס פאר א גוטן פרייז.
>
> איך האב עס אריינגעשיקט צו אינטואיט און אויף דערווייל האב איך געניצט מיין לעצטע בעקאפ פייל, היינט האב איך צירוק באקומען מיין געהעריגע פייל, דארף איך יעצט איבערלייגן אלע אינפארמעישאן אינעם געהעריגע קויקבוקס.
>
> איז דא עפעס א וועג אריבערצופירן פון איין קוויקבוקס פייל צום צווייטן? אדער איך מיז אלעס נאכאמאל ענטערן?

עס רופט זיך DATA MERGING. דאס הייסט מערזשן צוויי קאמפאני פיילס.
פרובירט דא (http://www.q2q.us/ (http://www.q2q.us

עס איז נישט קיין גרינגע זאך צו טוהן.

נאך א וועג איז צו עקספארטן צו עקסעל אדער IIF איין קאמפאני פייל מיט אלע טרענזעקשאנס און דערנאך צוריק אימפארטן צו די אנדערע קאמפאני פייל, מאך זיכער צו אווער-רייטן די עקזיסטינג דאטע.

צוריק אויבן

(p236325#)

דורך **שוועמל** » פרייטאג יוני 19, 2009 2:06 am

אסך מאל מאכט זיך א ווענדאר בעט א דעפאזיט בעפאר ער שיקט אן ארדער.

וויאזוי איז די ריכטיגע וועג עס ארייינצולייגן?
צו מאכן א ביל אדער אייטעם רעסיט איז דאך נישט אמת.
צו געבן סתם א טשעקל, אויב עפליי איך צו א PO וועט ער פארלאנגען עס מוז שטימען די באלאנס וואס איז דאך נישט מעגליך אויב איך צאל א דעפאזיט וואס איז ווייניגער געווענליך. און אויב עפליי איך עס נישט צום PO ווערט ער דאך נישט ארויפקומען ביי 'פעי ביללס' עס צו קענען עפלייען צום ביל. נו?

צוריק אויבן

(p236367#)

דורך **הערשי קניהויז** » פרייטאג יוני 19, 2009 9:26 am

שכוח שוועמל, איך דארף זעהן וואס ס'איז מיר גרינגער.

צוריק אויבן

פאריגעקומענדיגע ווייז אלע הודעות פון: אלע תגובות ▼ שטעל אויס לויט געשריבן געווארן ▼
פון אונטן ארויף ▼ גיי

שרייב א תגובה

779 תגובות • בלאט **5** פון **32** • 1, 2, 3, 4, **5**, 6, 7, 8 ... 32

צוריק צו ביזנעס

גיי צו: ביזנעס ▼ גיי

## ווער איז ארייינגעסיינט

באנוצערס וואס זענען איצט אין די פארום: Zik און 2 געסט

Switch to mobile style

---

page: 6

# קוויק בוקס שאלה

**די אחראים:** זייער נייגעריג, אחראי

די תקנות פונעם פארום

שרייב א תגובה

זוך אין די אשכול.... זוך

779 תגובות • בלאט **6** פון **32** • 1 ... 3, 4, 5, **6**, 7, 8, 9 ... 32

[(#p236445)](#p236445)

דורך **שטרויזאק** » פרייטאג יוני 19, 2009 2:43 pm

ווען דו מאכסט די טשעק, לייג אריין ביי אקאונט <אקאונטס פעיעבל>
און ביי קאסטומער, לייג אריין די נאמען פון דעם ווענדאר
און ווען דו באקומסט די ביל, קענסטו עפלייען די טשעק צו דעם ביל ביי
פעי בילס>סעט קרעדיטס

הצלחה!

לעצט פאראכטן דורך [שטרויזאק (./memberlist.php?mode=viewprofile&u=785)](./memberlist.php?mode=viewprofile&u=785) אום מיטוואך דצמבר 02, 2009 11:05 am, איין מאל איז עס געווארן פאראכטן
צוריק אויבן

## Advertisement

[(http://www.floridakoshervillas.com/)](http://www.floridakoshervillas.com/)

[(#p237247)](#p237247)

דורך **שוועמל** » מאנטאג יוני 22, 2009 8:43 pm

יישר כח שטרויזאק פאר דאס מאל און אויך פאר פאריגעס מאל ביים מאכן א ווענדאר ריפאנד.

נאך א שאלה.
ס'יז דא ווענדארס וואס געבן טיורמס ווי למשל 10 2% Net 30 וכדומה. דאס מיינט אז אויב צאלט מען דעם ביל אין די ערשטע צען טאג באקומט מען נאך א דיסקאונט פון צוויי פערצענט.

די פראבלעם איז אבער אז די דיסקאונט ווערט עפלייד צום גאנצן ביל אריינגערעכנט שיפפינג, א זאך וואס טייל ווענדארס זאגן 'העי, איך גיב דיר טאקע נאך 2 פערצענט אבער פאר די אייטעמס און נישט פאר שיפפינג טשארזש וואס קאסט מיר אזויפיל, און איך קען דיר נישט אראפרעכענען דערפאר'.

וויאזוי מאך איך אז די שיפפינג זאל ווערן עקסלודעד פון די טיורמס 2% 10 ?

צוריק אויבן

[(#p237561)](#p237561)

דורך **פאטאקי08** » דינסטאג יוני 23, 2009 2:23 pm

איך האב א באנק אקאונט
איך וויל א רעפארט ביי וואך
יעדע וואך וויפיל סאיז אריין און ארויס

קען נישט טרעפן וויאזוי ממאכט דאס

צוריק אויבן

[(#p237595)](#p237595)

דורך **שטרויזאק** » דינסטאג יוני 23, 2009 3:09 pm

גיי צו דיין באנק אקאונט (אין די טשארט אף אקאונטס)
קליק-רייט און מאך א קוויק-ריפארט

צוריק אויבן

## (#p237634)

דורך **פאטאקי08** » דינסטאג יוני 23, 2009 3:37 pm

שכח שטרויזאק פאר דיין הילף פאר יעדן און מיר בפרט
אבער דיין ענטפער איז נישט אויף וואס כאב געפרעגט
איך וויל קאלומס פאר יעדע וואך די טאטעל אריין און ארויס
איך מיין אז קוויק בוקס מאכט דאס נאר אויף די ברייט

צוריק אויבן

## (#p238083)

דורך **פאטאקי08** » מיטוואך יוני 24, 2009 6:16 pm

שכוח שטרויזאק

דאס האט ער מיר געענטפערט אין אישי

שיינעם דאנק אייך

costum transaction detail

modify report

enter the appropiate date
filter the bank account

total by: week

צוריק אויבן

## (#p238223)

דורך **שמיי_דריי** » דאנערשטאג יוני 25, 2009 9:20 am

איינער קען מען דאס ענטפערן???

שטרויזאק ווי ביזטו???

מיין בעה"ב פרעגט מיר שוין היינט צום וויפילטען מאל ווען דאס גייט ווערן מסודר..

> ***שמיי_דריי האט געשריבן:***
> עס האט זיך מיר געמאכט א פראבלעם וואס איך מיין אז מען קען עס נישט פאררעכטן אבער פאר איך גיב אויף וויל איך זיכער מאכן אז מען קען טאקע נישט... אפשר ווייסט איינער ווי אזוי מען מאכט עס
>
> ווי באקאנט נעמט די קרעדיט קארד מעסטער קארד און וויסע ארויס אויף איינמאל א חודש די גאנצע געלט וואס קומט זיי די פראצענט. און מען מאכט אויף א וואנדער מערטשענט סערוויס צו ווי אזוי מען וויל עס רופן און מ'רעקארד דארט יעדע חודש די געלט וואס זיי האבן ארויסגענומען...
>
> למעשה איז מיר אויסגעקומען צו טוהן א טובה פאר איינעם און אים אביסל מסדר זיין זיין קוויקבוקס.. און דא איז עס געזעהן.. איך האב מיך אנגעשטאלפערט.. די מערטשענט סערוויס איז א קאסטומער און גארנישט קיין וואנדער... הערט א מעשה.. פרעגטס מיר אפילו נישט ווי אזוי מען באמערקט נישט אזא גראבע טעות... די רעפארטס שטומען דאך פשוט נישט...

יעצט צו די פוינט.. איז דא א וועג ווי איך קען מאכן די קאסטומער מיט אלע זיינע אינוואויסעס זאלן ווערן א וועגדער און די אינוואויסעס זאלן ווערן בילס???
איך מיין אז נישט בעסער געזאגט איך ווייס אז נישט אבער אפשר דאך.. שערי קרעטשמע לא ננעלו...
איינער ווייסט דא צו מען קען עס מאכן און אויב יא וויאזוי???....

שכח למפרע פארן ענטפערן..

צוריק אויבן

## (p238319#)

דורך **שטרויזאק** » דאנערשטאג יוני 25, 2009 1:19 pm

לכאורה איז נישט דא קיין וועג אויף דעם.
אבער איך האב נישט גענטפערט וויל לא ראינו אינו ראי', קען איך נאר זאגן אז **איך** ווייס נישט אבער אפשר ווייסן אנדערע יא.

צוריק אויבן

## (p238474#)

דורך **לחיים ולברכה** » פרייטאג יוני 26, 2009 9:23 am

**איך** ווייס אויך נישט (אויך נישט קיין ראי', וויל ס'איז דא אסאך זאכן וואס כ'קען נישט).

צוריק אויבן

## (p239092#)

דורך **סאכדעס** » מאנטאג יוני 29, 2009 1:45 pm

כ'מיין אז עס שוין געווען אמאל די שאלה, אבער איך קען עס נישט טרעפן.

ווען א ווענדאר שיקט מיר א קרעדיט, קען איך דאך גיין ביי פעי בילס, און סעטן קרעדיטס. איא? איז וויאזוי קען איך עס אוועקנעמען אויב האב איך געמאכט א טעות. און וויאזוי ריקארד איך עס?

צוריק אויבן

## (p239111#)

דורך **שוועמל** » מאנטאג יוני 29, 2009 3:26 pm

שמיי דריי

איך מיין אז אינטואיט אליינס קען דיר העלפן, זיי קענען אריינגיין אין די סאורס קאוד און טוישן דעם נאמען צו א ווענדאר און אלע טרענזעקשאנס.
רוף זיי אן און פרעג.

צוריק אויבן

## (p246506#)

דורך **למדן** » דאנערשטאג יולי 16, 2009 3:54 pm

איך האב אזא שאלה:

מאכט זיך אמאל אז א קאסטומער באשטעלט עפעס ביי מיר, און איך האב עס נישט אין סטאק, סאו, איך

באשטעל עס ביי צווייטן [פון דא אין ווייטער איז ער: מיין ווענדאר] און יענער דעליווערט עס צו מיין קאסטומער און ער פיקט אפילו אויף ס'געלט [סי-או-די] פאר מיר.

יעצט איז אזוי: דער ווענדאר פארקויפט מיר דעם פראדוקט פאר 200 דאלאר, און איך בעט פון מיין קאסטומער 300 דאלאר, סאו ווען מיין ווענדאר פיקט אויף ס'געלט פון מיין קאסטומער, נוצט ער $200 דערפון צו אפצאלן מיין ביל, און די איבעריגע $100 לייגט ער מיר אלס א קרעדיט, און אויב וויל איך, קען ער מיר אויך שיקן א טשעק פון דעם הונדערטער.

דער קאסטומער איז מיר שוין גארנישט שולדיג ווייל ער האט באצאלט $300 פאר מיין ווענדאר; איך בין גארנישט שולדיג פאר מיין ווענדאר ווייל מיין קאסטומער האט דאך אים באצאלט [און נאכדערצו מיט אן עודף]; נאר מיין ווענדאר איז מיר שולדיג געלט אדער א קרעדיט פון $100;

איצטערט איז מיין שאלה דרייפאכיג: וויאזוי רעקארד איך דאס אלעס אין קוויק-בוקס?

1) וויאזוי לייג איך אריין אז מיין קאסטומער איז מיר שוין נישט שולדיג קיין געלט? איך קען נישט אריינלייגן אז ער האט "באצאלט" $300 ווייל פאקטיש האב איך דאך נישט באקומען דאס געלט, און איך קען עס נישט דעפאזיטען אין איינע פון מיינע באנק אקאונטס; איך דארף נאר אויף א וועג אריינשרייבן אז ער איז מיר שוין גארנישט שולדיג, טא, וויאזוי טוה איך דאס?

2) וויאזוי לייג איך אריין אז איך בין שוין גארנישט שולדיג פאר מיין ווענדאר? פאקטיש האב איך נישט אויסגעשטעלט א טשעק פאר אים, נאר מיין קאסטומער האט אים דירעקט באצאלט, סאו, וואס לייג איך אריין אין קוויק בוקס? "וויאזוי" איז דער ביל באצאלט געווארן? פון וואספארא אקאונט?

3) וויאזוי לייג איך אריין דעם קרעדיט וואס איך האב יעצט ביים ווענדאר? דאס איז אייגנטליך פארבינדען מיט פראגע נומבער 2, ווייל איינמאל איך וועל וויסן וויאזוי אריינצולייגן דעם פעימענט פאר'ן ווענדאר, וועל איך דאך דעמאלט אריינלייגן א גרעסערן סומע און ס'איבעריגע וועט זיין קרעדיט, [און אויב שיקט ער מיר א טשעק פון די איבעריגע, וואס טוה איך דעמאלט?]

קען זיין אז דאס איז גאנץ א פשוטע זאך, אבער דאס איז שוין נישט די ערשטע מאל וואס האט זיך מיר געמאכט אזא טראנזאקציע, און איך האב עס קיינמאל ביז היינט נישט אריינגעלייגט ווי עס באדארף צו זיין, סאו, אפשר העלפט מיר איינער ארויס?

[אויב האט מען שוין דא אמאל גערעדט פון עפעס ענליכס, ביטע דירעקטירט מיך אהין]

צוריק אויבן

## (p246607#)

דורך **שטרויזאק** » דאנערשטאג יולי 16, 2009 7:51 pm

סאכדעס:
אויב איך פארשטיי גוט דיין שאלה, האסטו געמאכט און עפלייעט א קרעדיט און דו ווילסט עס יעצט אנדערש עפלייען, איא?
אויב יא איז די עייצה אזוי:

גיי אריין צו די קרעדיט
טויש די נאמען פונעם ווענדאר צו עני אנדערע נאמען
סעיוו ענד קלאוז (יעצט ווערט די קרעדיט **אנ**עפלייט)
--
גיי נאכאמאל אריין צו די קרעדיט
טויש צוריק די נאמען פונעם ווענדאר צו די ארגיניעלע נאמען
סעיוו ענד קלאוז

יעצט קענסטו עפלייען די קרעדיט וויאזוי דו ווילסט.
הצלחה

צוריק אויבן

## (p246609#)

דורך **שטרויזאק** » דאנערשטאג יולי 16, 2009 8:21 pm

למדן:

מאך אויף א באנק אקאונט רוף עס עממ... עממ... לאמיך טראכטן 3rd party supplier אדער וואטעוועער דו ווילסט.
*רעסיוו פעימענט* פון דעם קאסטומער און דעפאזיט עס אין דעם אקאונט
*פעי ביללס* פאר דעם ווענדאר אויך פון דעם זעלבן אקאונט
אויב דער קאסטומער געט מער ווי דו קומסט פאר דעם סופלייער:
ווען דו מאכסט פעי ביללס, לייג אריין ביי>אמאונט טו פעי, די אמאונט וואס דער קאסטומער האט באצאלט
אזוי וועט אויסקומען אז דו האסט א קרעדיט ביי דעם סופלייער
ווען דו באקומסט די ריפאנד טשעק:
*מעיק דיפאזיט*
ביי >רעסיווד פראם, לייג אריין די נאמען פון דעם סופלייער
ביי > פראם אקאונט, לייג אריין *אקאונטס פעיעבל*
הצלחה

צוריק אויבן

## (p246815#)

דורך **למדן** » פרייטאג יולי 17, 2009 12:33 pm

> ***שטרויזאק האט געשריבן:***
> למדן:
>
> ווען דו באקומסט די ריפאנד טשעק:
> *מעיק דיפאזיט*
> ביי >רעסיווד פראם, לייג אריין די נאמען פון דעם סופלייער
> ביי > פראם אקאונט, לייג אריין *אקאונטס פעיעבל*
> הצלחה

באמת א גרויסן יישר כח הרב שטרויזאק, [דער שטרויזאק זאל דיר אנגעפילט ווערן גאלדענע רענדלעך...]

אפשר ביזטו מיר מסביר איין קלייניגקייט: ווען איך דיפאזיט דעם ריפאנד טשעק, פארוואס קומט טאקע צו לייגן ביי "פראם אקאונט" --- 'אקאונטס פעיעבל' ?

ס'קען זיין אז דער קאפ ארבייט מיר נישט יעצט אויף די מינוט פרייטאג נאכמיטאג, אבער איך ברעך זיך קאפ שוין א שטיק צייט צו 'פארשטיין' די זאך, צום סוף וועל איך סייווי מקבל זיין וואס דו זאגסט...

אבער אויבנאויף קוקט מיר אויס אזוי: דער הונדערטער ריפאנד וואס מיין ווענדאר האט מיר יעצט געשיקט, קומט דאך אריגינעל פון מיין קאסטומער פאר עפעס וואס איך האב אים פארקויפט, און דאס איז אייגנטליך מיין פראפיט אויף יענעם סעיל, סאו, פארוואס קומט נישט דער טשעק ביי פראם אקאונטס רעסיוועבעל?

----
הוספה: איין מינוט, איך מיין אז איך כאפ...

באמת האב איך דאך שוין איינמאל 'באקומען' דעם הונדערטער אין "אקאונטס רעסיוועבעל", דהיינו דעמאלס ווען איך האב אריינגעלייגט די גאנצע דריי הונדערט דאלאר פון דעם קאסטומער אין דעם א.ג. "דריטע פארטיי אקאונט", דערנאך האב איך נאר גענוצט יענץ געלט צו 'באצאלן' פאר'ן ווענדאר -- נאר איך האב איבערגעצאלט מיט א הונדערטער --- איז איצטערט ווען ער געבט מיר דעם ריפאנד איז עס דאך שוין נישט פון אקאונטס רעסיוועבל!

[עס איז מיר פאני געווען אז איך 'באקום' געלט "פון" אקאונטס 'פעיעבל'... אבער אז ס'איז א ריפאנד איז דאך דאס טאקע'ן נ'אזוי]

צוריק אויבן

## (p246844#)

דורך **שטרויזאק** » פרייטאג יולי 17, 2009 1:59 pm

> ***למדן האט געשריבן:***
> הוספה: איין מינוט, איך מיין אז איך כאפ...

יא!
וואו חכמה דארט תורה!

צוריק אויבן

## (p246872#)

דורך **שוועמל** » פרייטאג יולי 17, 2009 2:44 pm

ממש א גאון שטרויזאק!!!

צוריק אויבן

## (p247006#)

דורך **פאטאקי08** » זונטאג יולי 19, 2009 8:42 am

אויב די בעקאפ איז געווען אפ טו דעיט צי וואס דארפסטו די אריגינעלע פייל?

צוריק אויבן

## (p247012#)

דורך **שוועמל** » זונטאג יולי 19, 2009 9:04 am

צו וועמען רעטסטו פאטאקי?

צוריק אויבן

## (p247036#)

דורך **צום זאך** » זונטאג יולי 19, 2009 10:32 am

ס'מאכט זיך אפט אז ביים רעקענסיילן די בענק סטעטמענט דערזעהט מען זיך מיט א דיפרענס פון די באנקס ענדונג באלאנס און די ק"ב באלאנס (וואס אפילו ס'זאל נאר זיין א דיפרענס פון 1 צענט.. מוז מען עס אויסגראדן,

וק"ל)
יעצט, רוב מאל איז די סיבה פון די דיפרענס די באנק דיסקרעפנסיס, ד"ה אז די באנק האט געמאכט טעותים אויפן סטעטמענט, ווצב"ש; זיי האבן בטעות געקלערד א טשעק אויף מער ווי ס'איז באמת ווערד געווען, זיי האבן withdrawald די זעלבע טשעק צוויי מאל (א מין חוצפה..), אדער קען זיך מאכן אז זיי טשארדזן א פי פאר א באונסט טשעק וכדו'
איז מיין שאלה, צו ס'איז דא א פלאץ ווי איך קען רעקארדן די סארט דיסקרעפנסיס אין ק"ב אז איך זאל עס זעהן אויפן רעג'יסטער?
איך וויל דאך אז די סטעטמענט זאל שטימען מיט די ק"ב רעג'יסטער.

צוריק אויבן

## (p247595#)

דורך **למדן** » מאנטאג יולי 20, 2009 2:04 pm

> ***שטרויזאק האט געשריבן:***
>
> > ***למדן האט געשריבן:***
> > הוספה: איין מינוט, איך מיין אז איך כאפ...
>
> יא!
> וואו חכמה דארט תורה!

העי, מאך נישט חוזק!

כ'על דיר זאגן דעם אמת, איך וואלט דאך לעולם געקענט אויסמעקן און פאררעכטן מיין אריגינאלע תגובה, אזוי אז ד'רוילעם וואלט נישט געוואוסט אז איך כאפ אביסל שווערליך...

נאר פארוואזשע דען האב איך דארט געלאזט מיין אריגענעלע קלאץ קשיא, און צוגעלייט מיין הוספה אז איך כאפ שוין... ???

פשוט, ווייל איך האב געהאלטן אז אפשר וועט דער גאנצער שקלא וטריא עפעס העלפן פאר איינעם פון די חברים דא צו בעסער ארויסהאבן וויאזוי אקאונטינג/קוו"ב ארבייט. און אויסערדעם האב איך געהאלטן אז איך האב זייער שיין צעלייגט די זאך...

סאו, פליז. ס'איז גענוג ביטער אזוי אויך, מאך נישט חוזק!!!

אקעי?...

[נ"ב, דזשאסט קידינג... יו אר סטיל די בעסט!]

צוריק אויבן

## (p248729#)

דורך **שוועמל** » מיטוואך יולי 22, 2009 1:01 pm

איז דא וועג צו קענען ארויפברענגען בלויז די PENDING אינוואויסעס?

צוריק אויבן

**(#p248811)**

דורך **שטרויזאק** » מיטוואך יולי 22, 2009 2:31 pm

Reports>Sales>Pending Sales

צוריק אויבן

**(#p248844)**

דורך **שטרויזאק** » מיטוואך יולי 22, 2009 3:37 pm

> ***צום זאך האט געשריבן:***
> ס'מאכט זיך אפט אז ביים רעקענסיילן די בענק סטעטמענט דערזעהט מען זיך מיט א דיפרענס פון די באנקס ענדונג באלאנס און די ק"ב באלאנס (וואס אפילו ס'זאל נאר זיין א דיפרענס פון 1 צענט.. מוז מען עס אויסגראדן, וק"ל)
> יעצט, רוב מאל איז די סיבה פון די דיפרענס די באנק דיסקרעפנסיס, ד"ה אז די באנק האט געמאכט טעותים אויפן סטעטמענט, ווצב"ש; זיי האבן בטעות געקלערד א טשעק אויף מער ווי ס'איז באמת ווערד געווען, זיי האבן withdrawald די זעלבע טשעק צוויי מאל (א מין חוצפה..), אדער קען זיך מאכן אז זיי טשארדזן א פי פאר א באונסט טשעק וכדו'
> איז מיין שאלה, צו ס'איז דא א פלאץ ווי איך קען רעקארדן די סארט דיסקרעפנסיס אין ק"ב אז איך זאל עס זעהן אויפן רעג'יסטער?
> איך וויל דאך אז די סטעטמענט זאל שטימען מיט די ק"ב רעג'יסטער.

לכאורה איז דאס איינגעטיילט אין 2 אזוי ווי דו האסט געזאגט:

1) א טעות פון באנק וואס גייט (האפענטליך) ווערן קאררעקטעט אין דעם נעקסטן סטעיטמענט.
מאך אויף אן עקספענס אקאונט וואס הייסט *Bank Errors*, און שרייב א טשעק פאר די באנק אויף די אמאונט פון דעם טעות. לייג אריין די *Bank Errors* אקאונט. יעצט וועט די סטעיטמענט שטימען.
ווען די באנק קרעדיט דיר צוריק דעם טעות, מאך א דיפאזיט און לייג אריין די זעלבע *Bank Errors* אקאונט.
יעצט שטימעןביידע סטעיטמענטס, און די *Bank Errors* אקאונט דארף זיין 0.
(אויב עס פאסירט אפט דארפסטו אפשר זוכן א צווייטע באנק)

2) א פי וואס די באנק רעכנט וואס דו דארפסט באצאלן.
דארפסטו שרייבן א טשעק פאר *Bank Service Charges* אקאונט.

נ.ב. די בעסטע וועג איז צו מאכן די אקאונטס *NSF Fees* און *Bank Errors* און *Monthly Service Charges*, פאר *Subaccounts* אונטער *Bank Service Charges*.

צוריק אויבן

**(#p248961)**

דורך **צום זאך** » מיטוואך יולי 22, 2009 7:32 pm

א שיינעם דאנק ר' שטרויזאק פארן עס אויסקלארן!
איך האב עס גראדע געהאט געפרעגט פון א קוויק-בוקס פראפעשענאל (ער פלעגט ארבעטן פאר ק"ב "העלפ ענד סופארט"..) און ער האט מיר נישט געגבען עפעס א צופרידענשטעלענדער תשובה.. ער זאגט מיר אז די בעסטע וואס איך קען טוהן, אז כ'זאל מאכן מעמא'ס איבער די באנק טעותים.. פיין, איך וויל דאך עס אבער קענען זעהן אינעם רעג'יסטער!
וואס מיט דיין עצה איז עס געסאלווד בעז"ה. (קענסט אפשר גיין ארבעטן פאר ק"ב סופארט..)

> ***שטרויזאקר האט געשריבן:***
> 2) א פי וואס די באנק רעכנט וואס דו דארפסט באצאלן.
> דארפסט שרייבן א טשעק פאר *Bank Service Charges* אקאונט.

און וואס טוה איך אויב אין די ענד האב איך אויסגעפייט די פי, און די באנק קרעדיט מיר עס צוריק אויפן נעקסטן סטעיטמענט ? ווי לייג איך עס אריין? (וואס הייסט ווי?.. אין טאש!....)

צוריק אויבן
פאריגעקומענדיגע ווייז אלע הודעות פון : אלע תגובות ▼ שטעל אויס לויט געשריבן געווארן ▼
פון אונטן ארויף ▼ גיי
שרייב א תגובה
779 תגובות • בלאט **6** פון **32** • 1 ... 3, 4, 5, **6**, 7, 8, 9 ... 32
צוריק צו ביזנעס
גיי צו : ביזנעס ▼ גיי

## ווער איז אריינגעסיינט

באנוצערס וואס זענען איצט אין די פארום: Zik און 2 געסט

Switch to mobile style

page: 7

# קוויק בוקס שאלה

**די אחראים:** זייער נייגעריג, אחראי

די תקנות פונעם פארום
שרייב א תגובה
זוך אין די אשכול.... זוך
779 תגובות • בלאט **7** פון **32** • 1 ... 4, 5, 6, **7**, 8, 9, 10 ... 32

(p248970#)

דורך **שטרויזאקר** » מיטוואך יולי 22, 2009 8:00 pm

> ***צום זאך האט געשריבן:***
> און וואס טוה איך אויב אין די ענד האב איך אויסגעפייט די פי, און די באנק קרעדיט מיר עס צוריק אויפן נעקסטן סטעיטמענט ? ווי לייג איך עס אריין? (וואס הייסט ווי?.. אין טאש!....)

מאך א דיפאזיט און לייג אריין די זעלבע אקאונט וואס דו האסט אריין געלייגט אויף דעם טשעק.

צוריק אויבן

## Advertisement

(/http://www.floridakoshervillas.com)

(p253045#)

דורך **שמיי_דריי** » מאנטאג אוגוסט 03, 2009 11:55 am

ווען איך מאך א אינוואויס און איך וויל געבן פאר יענע קאסטומאר א דיסקאונט איז ווען איך לייג אריין 5 אייטעמע און

ווען איך מאך דיסקאונט וויל איך עס זאל זיין א דיסקאונט אויף די גאנצע אינוואויס אבער ווען איך לייג אריין ביי די רעיט פון דיסקאונט 5% גיבט ער מיר נאר 5% פראצענט אויף די לעצטע אייטעם פון די אינוואויסץ ווי אזוי קען איך מאכן אז ער זאל מיר געבן די דיסקאונט אויף די גאנצע אינוואויס?

צוריק אויבן

## (#p253251)

דורך **שטרויזאק** » מאנטאג אוגוסט 03, 2009 8:00 pm

שמיי דריי:

[קוק דא. (http://www.yiddishworld.com/forum/index.php?p=207634#p207634)]

צוריק אויבן

## (#p253470)

דורך **שמיי_דריי** » דינסטאג אוגוסט 04, 2009 11:48 am

די וועג האב איך אויך געוויסט. איך האב נאר געוואלט וויסן אויב עס איז נישטא קיין אנדערע וועג.

ייש"כ

צוריק אויבן

## (#p253747)

דורך **KUPSTHICK** » דינסטאג אוגוסט 04, 2009 10:08 pm

how do I set up that a sales person should get paid commission 10%,
and automatically be deducted and going to his account
please answer in yiddish[*]

צוריק אויבן

## NYC סעילס טעקס העכערונג (#p253764)

דורך **שוועמל** » דינסטאג אוגוסט 04, 2009 11:13 pm

**די נייע סעילס טעקס העכערונג**
איך ווייס נישט צי דער עולם ווייסט אבער ניו יארק סיטי סעילס טעקס (קאמביינד) איז ארויפגעגאנגען מיט א האלבע פראצענט דעם אוגוסט 1, פון 8.375 צו 8.875 וואס מאכט דאס פאר די העכסטע סעילסט טעקס ראטע איבער גאנצן לאנד! און אלעס אדאנק אונזער פארשטונקענער מעיאר בלומבערג ירד הודו, וואס לויט אים וועט דאס ברענגען א ביליאן דאלער מער א יאר.

יעצט איז מיין שאלה אין קוויקבוקס וויאזוי זאל מען טוישן די רעיט.
אויב טויש איך די בעיס רעיט פונעם Sales Tax item וועט דאס אפעקטירן אלע פריערדיגע אינוואויסעס, ניין?
און וויאזוי וועט די רעפארט אויסקוקן? רח"ל...

דעריבער ברויך מען טון צוויי זאכן כדי די נייע רעיט זאל זיין מכאן ולהבא און ס'זאל נישט אפעקטירן פריערדיגע רעפארטס.

גיי צו ליסט > אייטעמס > רייט קליק און דרוק 'ניו אייטעם' - דארטן מאך א נייע 'סעילס טעקס אייטעם' גיב עס א נאמען למשל NEW Sales Tax, שטעל אן די רעיט זאל זיין 8.875.

גיי צו עדיט > פרעפערענסעס > סעילס טעקס > קאמפאני פרעפערענסעס > ביי Set up Sales Tax item סעלעקט פון די דראפ-דאון די נייע אייטעם וואס דו האסט יעצט געמאכט > דרוק OK.

פון היינט און ווייטער וועלן אלע אינוואיסעס אויטאמאטיש רעכענען דעם נייעם סעילס טעקס ראטע און די פריערדיגע רעפארטס וועלן בלייבן על מקומם.

צוריק אויבן

## [(p253780#)](#p253780)

דורך **שמיי_דריי** » מיטוואך אוגוסט 05, 2009 6:46 am

שוועמל שכח פארן אויפמערקזאם מאכן ווייל איך האב שוין געטוישן די סעילס טעקס אליינס. אבער מיר וועלן אנרופן די אקאונטענט זיכער צו מאכן אז איר זאגט ריכטיג..

צוריק אויבן

## [(p255075#)](#p255075)

דורך **שמיי_דריי** » זונטאג אוגוסט 09, 2009 12:29 pm

ווען איך גיי צו רעסיעו פעימענטס ווינדאו אז איינער האט מיר געגעבען געלט גיבט אזא קום ארויף אויטאמאטיש ט וועב בראוסער פעיטש.... ווי אזוי גיבט מען זיך א עצה???.... איך וויל עס אראפ נעמען... ביטע מיר העלפן ווי שנעלער ווייל עס פארשווערט מיר זייער די ארבייט און עס גייט זייער שטייט די ארבייט

ולמצוה גדולה יחשב...

צוריק אויבן

## [(p256357#)](#p256357)

דורך **שוועמל** » מיטוואך אוגוסט 12, 2009 3:10 am

ביי 'פעי ביללס' איז דא אזא זאך ווי 'סעט דיסקאונט' אויב דער ווענדאר גיבט דיר א דיסקאונט לויט דיינע טיורמס וכו'.

האט זיך געמאכט מיט איין ווענדאר אז ער וויל נישט געבן די דיסקאונט למפרע, למעשה האב איך שוין געפרינט די טשעק מיטן דיסקאונט. וויאזוי נעם איך יעצט אראפ די דיסקאונט כדי ס'זאל ווערן אפען באלאנס?

צוריק אויבן

## [(p256989#)](#p256989)

דורך **שטרויזאק** » דאנערשטאג אוגוסט 13, 2009 12:09 am

שוועמל:

מאך אויף די טשעק וואס האט באצאלט די אינוואויס,
עס דארף זיין אונטן א באטטען *דיסקאונט* קליק דארטן,
וועט ער עפענען די דיסקאונט ווינדאו, דארט וועסטו זען די דיסקאונט אמאונט און די אקאונט,
מאך *-0-* די דיסקאונט אמאונט.

הצלחה

צוריק אויבן

## [(p256992#)](#p256992)

דורך **שמיי_דריי** » דאנערשטאג אוגוסט 13, 2009 12:19 am

> ***שמיי_דריי האט געשריבן:***
> עס האט זיך מיר געמאכט א פראבלעם וואס איך מיין אז מען קען עס נישט פאררעכטן אבער פאר איך גיב אויף וויל איך זיכער מאכן אז מען קען טאקע נישט... אפשר ווייסט איינער ווי אזוי מען מאכט עס
>
> ווי באקאנט נעמט די קרעדיט קארד מעסטער קארד און וויסע ארויס אויף איינמאל א חודש די גאנצע געלט וואס קומט זיי די פראצענט. און מען מאכט אויף א ווענדער מערטשענט סערוויס צו ווי אזוי מען וויל עס רופן און מ'רעקארד דארט יעדע חודש די געלט וואס זיי האבן ארויסגענומען...
>
> למעשה איז מיר אויסגעקומען צו טוהן א טובה פאר איינעם און אים אביסל מסדר זיין זיין קוויקבוקס.. און דא איז עס געזעהן.. איך האב מיך אנגעשטאלפערט.. די מערטשענט סערוויס איז א קאסטומער און גארנישט קיין ווענדער... הערט א מעשה.. פרעגטס מיר אפילו נישט ווי אזוי מען באמערקט נישט אזא גראבע טעות... די רעפארטס שטומען דאך פשוט נישט...
>
> יעצט צו די פוינט.. איז דא א וועג ווי איך קען מאכן די קאסטומער מיט אלע זיינע אינוואויסעס זאלן ווערן א ווענדער און די אינוואויסעס זאלן ווערן בילס???
> איך מיין אז נישט בעסער געזאגט איך ווייס אז נישט אבער אפשר דאך.. שערי קרעטשמע לא ננעלו... איינער ווייסט דא צו מען קען עס מאכן און אויב יא וויאזוי???....
>
> שכח למפרע פארן ענטפערן..

פאר אלע וואס האבן נישט געהאט קיין תירוצים.... איך האב אויסגעטראפן ווי אזוי מען מאכט דאס ווען מען האט איינעם אויף די אדהער ליסט און מען וויל אים מאכן פאר א ווענדער אדער עמפלואי אדער קאסטומער גייט מען אריין צו ליסט אדהער נעים ליסטע און אונטן פון די ליסטע איז דא א אפציע אקטיוויטיס און ווען מען גייט דארט אריין איז דא א אפציע פון טוישן די טייפ פון די אדהער נעים און דארט קענט איר אויסוועלן צו וואס איר ווילט אים טוידן און איר זענט דאן...

יעצט איז אזוי, איך האב פרובירט דאס צו מאכן ביי א ווענדער צו טוישן צו א קאסטומער אבער דארט טרעף איך מער נישט די אפציע.. קען מיר איינער פעסטשטלן צו מען קען עס טאקע נישט מאכן פון א ווענדער/קאסטומער צו א קאסטומער/ווענדער אדער איך האב עס פשוט נישט באמערקט???...

מיט גרויס דאנק פון פאראויס.

צוריק אויבן

## (#p256993)

דורך **שמיי_דריי** » דאנערשטאג אוגוסט 13, 2009 12:20 am

שטרויזאק איך זעה דו דרייסט דיך דא יעצט נו גיב מיר שוין אויך אענטפער און איין וועגס ענטפער מיר פאר מיין קשיא אין מיין פריעדרדיגע תגובה אויך

ייש"כ למפרע
תזכו למצוות

לעצט פאראכטן דורך [שמיי_דריי (./memberlist.php?mode=viewprofile&u=603)] אום מיטוואך דצמבר 02, 2009 11:54 am, איין מאל איז עס געוואורן פאראכטן
צוריק אויבן

## (#p257226)
דורך **שטרויזאק** » דאנערשטאג אוגוסט 13, 2009 11:43 am

שמיי דריי:

לכאורה קען מען נישט מאכן א קאסטומער/ווענדאר פאר אן אדער, נאר פארקערט.

ווענגן די וועב בראוזער:
לאז עס עפענען און קליק *נאו טענקס*.
גיי צו עדיט> פרעפערענסעס> דזשענעראל> טוירן אף פאפ-אפ מעסעדזשעס.

צוריק אויבן

## (#p257231)
דורך **שמיי_דריי** » דאנערשטאג אוגוסט 13, 2009 11:49 am

ייש"כ

צוריק אויבן

## (#p257418)
דורך **פאטאקי08** » דאנערשטאג אוגוסט 13, 2009 5:05 pm

וויאזוי מאך איך אין די סטעיטמענט אין קוויק בוקס זאל אויך שטיין די דעסקריבשען פונעם אינוואויס?

צוריק אויבן

## (#p257556)
דורך **AbiYiddish** » פרייטאג אוגוסט 14, 2009 7:51 am

אויף די רעכטע זייט אין די 'קריעיט סטעיטמענטס' פענסטער איז דא א טשעק באקסל פאר:
"Show invoice item details on statements".

צוריק אויבן

## (#p257563)
דורך **פאטאקי08** » פרייטאג אוגוסט 14, 2009 9:38 am

אבער דארט זעט מען נישט די דעסקריפשען נאר די אייטעם נאמען

צוריק אויבן

## (#p257571)
דורך **AbiYiddish** » פרייטאג אוגוסט 14, 2009 9:48 am

אזאנס איז נישטא.
נאר אויב דו מאכסט סטעיטמענט טשארדזשעס, און איך שטעל מיר פאר אז נישט דאס איז וואס דו זוכסט.

צוריק אויבן

## (#p257577)
דורך **פאטאקי08** » פרייטאג אוגוסט 14, 2009 10:00 am

די נאוט פון די אינוואויס קען מען יא זען אויפן סטעיטמענט?

צוריק אויבן

## (p257586#)

דורך **פאטאקי08** » פרייטאג אוגוסט 14, 2009 10:17 am

וויאזוי שיקט מען אויף אימעיל אלע אינוואויסעס פון א קאסטומער אויף איינמאל?

צוריק אויבן

## (p257587#)

דורך **פאטאקי08** » פרייטאג אוגוסט 14, 2009 10:20 am

קעי געטראפען וויאזוי סענד בעטש

צוריק אויבן

## (p257611#)

דורך **AbiYiddish** » פרייטאג אוגוסט 14, 2009 10:50 am

ס'דארף צו הייסן אז די אינוואויס **מעמאו** איז אפילו נישטא קיין אפשען אז ס'זאל **נישט** ווייזן אויפן סטעיטמענט.

האסט פרובירט?

צוריק אויבן

## (p257653#)

דורך **פאטאקי08** » פרייטאג אוגוסט 14, 2009 12:21 pm

יא ביזט גערעכט
שיינעם דאנק אייך

צוריק אויבן

## (p264351#)

דורך **שטרויזאק** » מיטוואך ספטעמבר 02, 2009 9:22 am

> ***מענטש (אין טאלק) האט געשריבן:***
> איך האב א קשיא אין קוויקבוקס... ווען דו קומסט אריין דא און דו זעהסט מיין קשיא ביטע מיר ענטפערן..
> איך האב קאסטומער לאמיר אים רופן שמעון ער איז מיר געוועהן שולדיג 800 דאללער ער האט מיר איינמאל געגעבען א קרעדיט קארד פון 400 דאללער און א חודש נאכדעם האט ער מיר געגעבען נאך א קרעדיט קארד פון 400 דאללער.
> צוויי וואכן שפעטער האט ער זיך דערמאנט אז ער וויל מיר ענדערש באצאלן מיט א טשעק.. האט ער מיר געשיקט אויף מעיל א טשעק און ער האט מיר געזאגט אז איך זאל אים מאכן א ריפאנד אויף זיין קארטל און אזוי האבעך טאקע געטוהן.
> אבער דא איז געוועהן גי חורבן.. ווייל איך האב געטשארטשט זיין קארטל אין JUNE און די ריפאנד מיט די טשעק איז געוועהן אין JULY, איז יעצט טאמער גיי איך עוואוידען די קרעדיט קארד אין קוויקבוקס וועט דאך די גאנצע רעקאנסעלעישאן פון JUNE גיין גאגא און איך וועל עס ברויכן איבערמאכן... ווידער אריין לייגן די טשעק קען איך נישט נאר דורך וואוידען די קרעדיט קארד טאשרטש נו וואס טו איך דא???
>
> ביטע מיר ענטפערן ווי שנעלער ווייל איך ווייס נישט ווי אזוי מיך א עצה צו געבן..

גיי אריין צו זיין ק"ק פעימענטס,
**אנ**עפליי די פעימענטס
מאך א נייע טשעק פעימענט און עפליי עס צו די ריכטיגע אינוואויס
גיי אריין צו די ק"ק פעימענט (עס איז אפען)
אישו א ריפאנד פאר דעם קאסטומער
הצלחה

צוריק אויבן

## (#p268199)

דורך **טשיקאווער** » פרייטאג ספטמבר 11, 2009 10:06 am

איך האב א קוויק באקס שאלה ?
איך וויל מאכען א ריפארט פון עטליכע אינפארמאציע אויף אמאל
ד.מ. איך וויל האבען אויף איין ריפארט אלע אפענע פארטשעס ארדערס (Open Purches orders) פון יעדע ווענדער
און אלע געקלאצטע (וואס זענען שוין געבילד) און די פעימענטס אויף די ביללס
קוויק באקס לאזט מיר מאכען א ריפארט נאר פון יעדע זאך עקסטער
אפענער פארטשעס ארדערס /געקלקסט / וכו'
איך זיך א פראגרעם וואס קען נעמן עטלכע ריפארטס פון קוויק באקס [פארשטייט זיך פאר אן א געלט אדער עכ"פ פאר גאר ביליג נישט צי טייער ] און עס ציזאם שטעלן פאר איין ריפארט. איך קען עס עקספארטען און עקסעל אלע ריפארטס און מאכען איין גרויס שיינע ריפארט אבער איך וויל נאר איינמאל ארבעטן דעראויף און נישט א יעדע מאל וואס איך וויל מאכען א ריפארט זאל איך דארפען אראבעוטן א 2- 3 שעה

צוריק אויבן

